ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# עין יעקב

על מסכת

# סוכה

בלשון הקודש ואידיש

**206**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# עין יעקב
# מסכת סוכה

כולל כל האגדות מתלמוד בבלי
וירושלמי, הנמצאות במסכת סוכה

עם פירוש רש"י בשלמותו והחדושים שנתוספו בו,
ככל הנמצא בספר עין יעקב הגדול.
גם איזה מאמרים מתוספות מהרש"א, הרי"ף, ועיון יעקב.
גם ציוני הדפוס בש"ס, וציוני המקראות בתנ"ך, והגהות הב"ח.
ונוסף על זה פירוש עברי טייטש הנהוג במדינתנו.
נעתק על ידי ה"ר יוסף מאיר יעב"ץ
מעתיק המשניות עברי טייטש.

הוצאת אמונה,
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ"ו לפ"ק

# סוכה פרק ראשון סוכה

(דף כ) **א תניא** רבי יוסי אומר מעולם לא ירדה שכינה למטה (מעשרה) ולא עלה משה ואליהו למרום שנאמר (תהלים קטו) השמים שמים לה' והארץ נתן לבני אדם . ולא ירדה שכינה למטה והכתיב (שמות יט) וירד ה' על הר סיני למעלה מי' טפחים והכתיב (זכריה יד) ועמדו רגליו ביום ההוא על הר הזיתים למעלה מעשרה טפחים ולא עלה משה ואליהו למרום והא כתיב (שמות יט) ומשה עלה אל האלהים למטה מעשרה והכתיב (מ"ב ב) ויעל אליהו בסערה השמים למטה מעשרה והכתיב (איוב כו) מאחז פני כסא פרשז עליו עננו ואמר רבי תנחום מלמד שפירש שדי מזיו שכינתו ועננו עליו למטה מעשרה מכל מקום מאחז פני כסא כתיב דאשתרבובי אשתרבב ליה כסא עד עשרה ונקיט ביה :

**ב תני** רבי חנינא כל הכלים שעשה משה נתנה בהן תורה מדת ארכן ומדת רחבן ומדת קומתן כפורת מדת ארכה ומדת רחבה נתנה ומדת קומתה לא נתנה צא ולמד מפחות שבכלים שנאמר (שמות כה) ועשית לו מסגרת טפח סביב מה להלן טפח אף כאן טפח :

נמעלה מעשרה · פתים . פירוש סוה : שפירש שדי מזיו השכינה . פרשז טטריקון של דיים : מדת קומתה לא נתנה . מדת עיבי טית קומתה שכית טיטה לגון ככסוי תיבה : מסגרת .

---

## פרק ראשון

**א** תניא · מיר האבען געלערנט רבי יוסי זאגט דיא שכינה האט קיין מאהל ניט אראפ גענידערט אויף די ערד · אונ משה רבינו מיט אליהו הנביא זענען קיין מאהל ניט געוועזן אין הימעל · אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די הימלען זענען צו גאט אונ די ערד האט ער געגעבין צו מענטשין · פרעגט די גמרא ווי קענסטו זאגין אז דיא שכינה איז ניט אראפ געקומען אויף דיא ערד · עס שטייט דאך אין פסוק גאט האט אראפ גענידערט אויף דעם בארג סיני · ענטפערט די גמרא גאט איז געשטאנען איבער דעם בארג העכער וויא צעהן טפחים · פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק זיינע פיס זענען געשטאנען דעם טאג אויף דעם בארג הזיתים · ענטפערט די גמרא גאט איז געשטאנען איבער דעם בארג העכער ווי צעהן טפחים · פרעגט די גמרא ווי קענסטו זאגין אז משה רבינו אונ אליהו הנביא איז ניט געוועזן אין הימעל · עס שטייט דאך אין פסוק משה איז ארויף געגאנגען צו גאט · ענטפערט די גמרא משה איז געוועזן אונטער דעם הימעל · פון איהם ביז צום הימעל איז געוועזן ווייניגער ווי צעהן טפחים · פרעגט די גמרא עס שטייט דאך אין פסוק אליהו איז ארויף געגאנגען מיט א שטורעם אין הימעל · ענטפערט די גמרא אליהו איז געוועזן אונטער דעם הימעל · פון איהם ביז צום הימעל איז געוועזן ווייניגער ווי צעהן טפחים · פרעגט די גמרא עס שטייט דאך אין פסוק מאחז פני כסא ומשה האט געהאלטען די שטוהל פון גאט · פרשז עליו עננו · זאגט רבי תנחום דער פסוק לערנט אונז אז גאט האט פאר שפרייט (אויף משה) די שיינקייט פון זיין שכינה אונ ער האט געמאכט אויף איהם אזוי ווי א וואלקין · זעהן מיר דאך אז משה איז געוועזן נעבין גאט · ענטפערט די גמרא משה איז געוועזן אונטער דעם הימעל · פון איהם ביז צום הימעל איז געוועזן ווייניגער ווי צעהן טפחים · פרעגט די גמרא עס שטייט דאך משה האט געהאלטען די שטוהל פון גאט · ענטפערט די גמרא גאט האט אראפ געלאזין די שטוהל פון הימעל ביז צעהן טפחים · האט משה געקענט האלטען די שטוהל :

**ב** תני · רבי חנינא האט געלערנט אלע כלים וואס משה האט געמאכט האט די תורה געזאגט די מאס פון די לענג אונ פון די ברייט אונ פון די הייך · נאר ביי דעם כפורת האט די תורה געזאגט די מאס פון די לענג אונ די מאס פון די ברייט · אבער די מאס פון די הייך פון די גרעבו האט גאט ניט געזאגט · נאר מיר קענען דאס אפ לערנען פון דיא נידעריגסטע כלי · עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט מאכען א ליסט ארום טפח · די הייך פון די ליסט זאל זיין

(שם ע"ג) **ג ומאי** כרוב א"ר אבהו כרביא שכן בבבל קורין לינוקא רביא אמר ליה אביי אלא מעתה דכתיב (יחזקאל י) פני האחד פני הכרוב ופני השני פני אדם היינו כרוב היינו אדם אפי רברבי ואפי זוטרי :

(דף ט) **ד מתני'** סוכה ישנה ב"ש פוסלין ובית הלל מכשירין . **גמ'** מ"ט דב"ש אמר קרא (ויקרא כג) חג הסכות שבעת ימים לה' סוכה העשויה לשם חג בעינן וב"ה ההוא מיבעי ליה לכדרב ששת דאמר רב ששת משום ר"ע מנין לעצי סוכה שאסורים כל שבעה ת"ל חג הסכות שבעת ימים לה' ותניא ר' יהודה בן בתירא אומר כשם שחל שם שמים על החגיגה כך חל שם שמים על הסוכה שנאמר חג הסכות שבעת ימים לה' מה חג לה' אף סוכה לה':

(דף יד) **ה א"ר** אלעזר למה נמשלה תפלתן של צדיקים כעתר לומר לך מה עתר זה מהפך את התבואה בגורן ממקום למקום אף תפלתן של צדיקים מהפכת מדותיו של הקב"ה ממדת רגזנות למדת רחמנות :

**פירוש**

ספר כעין לגונין סביב כפלת : היינו פני כרוב היינו אדם . הלא שניהם שוים ולמה חלקם הכתוב אמאי לעולם כרוב שני פני תינוק הם וזהו חלקם פני אדם פני רברבי פני הכרוב פני זוטרי : סוכה ישנה כדמפרש שעשאה קודם לחג ל' יום ולא פירש שהוא לשם חג : ב"ש פוסלין . דבעי סוכה לשמה והא סתם עשויה ואלו תוך ל' לחג אף שלא פירש אין בכלום כחג קודם החג ל' יום סתם הסוכה לשם חג הוא עושה אבל קודם ל' יום כשר : לאו לחג : וב"ה מכשירין . דלא בעינן סוכה לשם חג : סוכה לשם חג . דכתיב סוכות לה' לשם מצות המלך : על החגיגה . שלמי חגיגה שם שמים חל עליה לאוסרה עד לאחר שקטרים אימורים דזכו כהן כהר הכי מצלתן גבוה כעבד כנוטל פרס : חג . חגיגה :

---

זיין אטפת . אזוי וויא די הייך פון דיא לייסט איז אטפח . אזוי די הייך וואס איז דיא גרעבן פון כפורת זאל אויך זיין אטפח :

**ג ומאי כרוב** . וואס מיינט מען כרוב . זאגט רבי אבהו כרביא . אזוי וויא אקינד . ווארום אין בבל רופט מען אקינד רביא . האט אביי גיזאגט צו רבי אבהו עס שטייט דער פנים פון איינעם איז גיוועזן דער פנים פון כרוב . אונ דער פנים פון אנדערין איז גיוועזן דער פנים פון אמענטש . אויב עס איז אזוי וויא דוא זאגסט אז כרוב איז אקינד . איז דאך כרוב אונ אדם אלץ איינס . ביידע וועגן דער פנים פון אמענטש . זאגט רבי אבהו עס איז טאקי אלץ איינס . נאר איין פנים איז גיוועזן אגרויסער וויא פון אגרויסען מענטש . אונ איין פנים איז גיוועזן אקליינער וויא פון אקינד :

**ד מתניתין** . סוכה ישנה . אאלטע סוכה . וואס מען האט איהר גימאכט פאר דרייסיג טעג פאר סוכות אונ זיא איז ניט גימאכט גיווארען פון וועגין אסוכה . נאר צום ניצען איננווייניג . בית שמאי זאגין דיא סוכה איז פסול אויף סוכות . אונ בית הלל זאגין זיא איז כשר אויף סוכות . מען טעג אין איהר זיצען סוכות פון וועגין אסוכה . זאגט דיא גמרא פאר וואס זאגין בית שמאי דיא סוכה איז פסול . ווארום עס שטייט אין פסוק חג הסוכות שבעת ימים לה' . דארפען מיר דיא סוכה זאל גימאכט ווערין פון גאטס וועגין אויף די זיבען טעג יום טוב . אונ בית הלל זאגין דעם פסוק דארפען מיר אזוי וויא רב ששת האט גיזאגט פון רבי עקיבאס וועגין . פון וואנען ווייסען מיר אז דיא האלץ פון דער סוכה טאר מען ניט ניצען צוא קיין זאך די גאנצע זיבען טעג סוכות . שטייט אין פסוק חג הסוכות שבעת ימים לה' . אונ מיר האבען גילערנט רבי יהודה בן בתירה זאגט אזוי וויא דער נאמען פון גאט איז אויף דעם קרבן חגיגה . ער זאל זיין הייליג . אזוי איז דער נאמען פון גאט אויף די סוכה . זיא זאל זיין הייליג אזוי וויא עס שטייט אין פסוק חג הסוכות שבעת ימים לה' . אזוי וויא דער קרבן חגיגה איז הייליג צו גאט . אזוי איז דיא סוכה הייליג צו גאט :

**ה אמר** . רבי אלעזר האט גיזאגט פאר וואס איז געגליכען גיווארען די תפלה פון דיא צדיקים צו אעתר ואנראבליע . צו זאגען דיר אזוי וויא דער עתר קערט אום דיא תבואה וואס זיין שייער פון איין ארט צום אנדערין ארט . אזוי די תפלת פון די צדיקים קערין אום די מדות פון גאט פון כעס צו רחמנות :

אמר

# הישן פרק שני

(דף כט ע"ב) **א אמר** רב אחא בר אדא אמר רב המנונא אמר רב מנין שאפילו שיחת תלמידי חכמים צריכה למוד שנאמר (תהלים א) ועלהו לא יבול :

(דף כג) **ב מני** מתני' ר"ע היא דתניא העושה סוכתו בראש הספינה ר"ג פוסל ור"ע מכשיר מעשה בר"ג ור"ע שהיו באין בספינה עמד ר"ע ועשה סוכה בראש הספינה למחר נשבה הרוח ועקרתה אמר ליה ר"ג עקיבא היכן סוכתך :

(דף כה) **ג והעוסק** במצוה פטור מן המצוה מהכא נפקא מהתם נפקא [דתניא] (במדבר ט) ויהי אנשים אשר היו טמאים לנפש אדם וגו' אותם האנשים מי היו נושאי ארונו של יוסף היו דברי ר' יוסי הגלילי (ע"ב) ר"ע אומר מישאל ואלצפן שהיו עוסקים בנדב ואביהוא ר' יצחק אומר אם נושאי ארונו של יוסף היו כבר היו יכולין ליטהר אם מישאל ואלצפן

צריכה למוד . צריך לשומעם שישמו לב לב : ועלהו. דבר קל שבו :

והעוסק במצוה פטור מן המצוה מהכא נפקא . מבשבתך בביתך : ויהי אנשים . בפסח מדבר קרא בשנה השנית ליציאת מצרים : ר"ג . בברייתא בספרי ר"ע אומר מישאל ואלצפן היו שנטמאו בנדב ואביהוא רבי יצחק אומר אם נושאי ארונו של יוסף היו יכולין היו ליטהר ואם מישאל ואלצפן היו יכולין היו ליטהר אלא מי היו טמאי מת מצוה היו שחל שביעי שלהן להיות בערב הפסח שנאמר ולא יכלו וגו' : אם נושאי ארונו של יוסף או מישאל ואלצפן היו יכולין היו ליטהר . שהרי באחד בניסן הוקם המשכן ובמי לו שרף אלעזר את הפרה והזו על טמאי מת שבהן לעשות פסחים בטהרה כדאמרינן במסכת גיטין במתני' שמונה פרשיות נאמרו ביום שהוקם המשכן ופרה אדומה אחת מהן ובאחד בניסן הוקם המשכן וזאת א' למלואים כדקיימא לן אותו היום נטל עשר עטרות וכו מאז נדב ואביהוא הלכך מראש חדש עד הפסח היו יכולין ליטהר וקרא אמר ולא יכלו ונושאי ארונו של יוסף נמי כבר עברו עליהם י' חדשים ויותר שלא נשאוהו כדכתיב ביום הזה באו מדבר סיני ולא נסעו משם עד כ' באייר של שנה הבאה דכתיב ויהי בשנה השנית בחדש השני בעשרים בחדש

---

# פרק שני

**א** אמר. רב אחא בר אדא האט געזאגט . רב המנונא האט געזאגט פון רבס וועגן פון וואנען ווייסען מיר אז אפילו די פראסטע רייד וואס דיא תלמידי חכמים ריידען דארף מען זייא אויך צו הערין אונ לערנען. ווארום עס שטייט אין פסוק זיינע בלעטער וועלין ניט קאליע ווערין. דאס מיינט מען אפילו די פראסטע רייד פון די תלמידי חכמים וועלין ניט קאליע ווערין. מען דארף זיי אויך לערנען :

**ב** מני. וויא ווער וועט אוים קומען דיא משנה. אזוי וויא רבי עקיבא. ווארום מיר האבען גילערונט אז איינער מאכט אסוכה אויף אשיף. רבן גמליאל זאגט די סוכה איז פסול. רבי עקיבא זאגט די סוכה איז כשר. עס האט אמאהל גיטראפען רבן גמליאל אונ רבי עקיבא זענען גיפארען אין אשיף. האט רבי עקיבא גימאכט אסוכה אויף דיא שיף. אויף מארגען איז גיקומען אווינט אונ האט צו ווארפען דיזי סוכה. האט רבן גמליאל גיזאגט צו רבי עקיבא ווא איז דיין סוכה :

**ג** והעוסק. פרעגט דיא גמרא אז איינער טוהט איין מצוה איז ער פטור צו טאהן איין אנדער מצוה ווייסען מיר פון דעם פסוק בשבתך בביתך. מיר ווייסען דאך דאס פון איין אנדער פסוק. ווארום מיר האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק עס זענען גיוועזען מענטשין וואס זענען גיוועזען טמא פון אטויטען מענטש. פרעגט די גמרא ווער זענען גיוועזען די מענטשין. זיי האבען גיטראגען דעם קאסטען מיט דיא ביינער פון יוסף אין דער מדבר. דריבער זענען זייא גיוועזען טמא. אזוי זאגט רבי יוסי הגלילי. רבי עקיבא זאגט די מענטשין זענען גיוועזען מישאל אונ אלצפן וואס זיי זענען טמא גיווארען פון נדב ואביהוא. רבי יצחק זאגט אויב דיא מענטשין וועגען גיוועזען די וואס האבען גיטראגען דעם קאסטין מיט די ביינער פון יוסף: האבען זייא דאך שוין לאנג גיקענט ריין ווערין פון זייער טומאה. ווארום פון ראש חודש סיון דעם ערשטין יאהר. ביז דעם אנדערין יאהר צוואנציג טעג אין אייר. זענען דאך די יודען גישטאנען נעבין

ואלצפן היו יכולין ליטהר אלא עוסקים במת מצות היו שחל שביעי שלהן להיות בערב הפסח שנאמר (במדבר ט) ולא יכלו לעשות הפסח ביום ההוא ביום ההוא אינם יכולים לעשות אבל למחר יכולים לעשות: (דף כו) **ד** ת"ר אוכלין אכילת עראי חוץ לסוכה ואין ישנים שינת עראי חוץ לסוכה מ"ט

אמר רב אשי שמא ירדם א"ל אביי אלא הא דתניא ישן אדם שינת עראי בתפילין אבל לא שינת קבע ליחוש שמא ירדם אמר רב יוסף בריה דרב עילאי במוסר שינתו לאחרים מתקיף ליה רב משרשיא ערבך ערבא צריך אלא אמר רבה בר בר חנה אמר ר"י במניח ראשו בין ברכיו עסקינן רבא אמר אין קבע לשינה. אמר

נפלה הפסק מעל וגו' ויטעו מפר ט': טמאי מת מצוה. לאו מת מצוה דוקא קאמר דהפ' מהיכן שמי מת מצוה קרי לאו דמצוה להתעסק בהם כגון כהמורים בפ' כהנים שהכ[ן] מטמאת בו: בחל שביעי שלהן. והע"ג דחזו לטהרה לא איטהרו דקסבר אין שוחטין וזורקין על טמא שרץ מ"מ שנעיק מינה דעוסק במצוה פטור מן המצוה שהרי נטמאו במתיהן שבעת . לפני הפסחה ולע"פ שטומאה זו העכב על ידם אכילת פסחיהן אלמא מצוה קלה הכלה לידך אינך צריך לדחותה מפני המצוה העתידה לבא:

שמא ירדם. שמא תהטפנו שינה ויבן קבע: אבל לא שינה קבע. שמא יפיח בהם: במוסר שינתו לאחרים. אומר להכרו אם ארדם העירני: ערבך ערבא צריך. שמא אף הוא ישכב ויישן: בין ברכיו. דודאי לא ירדם: רבא אמר. לשמא ירדם לא חיישינן הלכך בתפילין שרי וסוכה טייט טעמא דאסור שינת עראי לפי שאין קבע לשינה

---

**ב**ארג סיני. האט מען דאך דעם קאסטען פון יוסף ניט גיטראגען. אונ אויב דיא מענטשן זענען גיוועזן מישאל אונ אלצפן. האבין זיי שוין אויך גיקענט ריין ווערין פון זייער טומאה. ווארום זיי זענען טמא גיווארען ראש חודש ניסן. ביז ערב פסח איז דאך פערצעהן טעג. נאר די מענטשין זענען טמא גיווארען פון אמת פאר פסח. אונ דער זיבעטער טאג פון די טומאה איז גיוועזן ערב פסח. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייא האבען ניט גיקענט מאכען דעם קרבן פסח דעם טאג. נאר דעם טאג האבען זיי ניט גיקענט מאכען דעם קרבן פסח. אבער אויף מארגען וואלטין זיי איהם שוין גיקענט מאכען. איז דאך די קשיא אז זיי האבען גיזעהן עס איז זיבען טעג צו פסח וויא אזו האבען זייא זיך מטמא גיוועזן צו אמת. זיי האבען דאך גיוואוסט זיי וועלין ניט קענען מאכען דעם קרבן פסח. נאר אז מען טוהט איין מצוה איז מען פטור צו טאהן איין אנדער מצוה:

**ד** תנו רבנן. די רבנן האבען גילערנט אשטיקול עסנווארג וואס איז קלענער פון איין איי מעג מען עסין אויסער די סוכה. אונ מען טאר ניט שלאפען אויסער די סוכה. אונ אפילו נאר אדרוים נעבין אויסער די סוכה טאר מען אויך ניט. פאר וואס. זאגט רב אשי טאמער וועט ער אנשלאפען ווערין אויף אשעה אדער נאך לייגנער. האט אביי גיזאגט צו רב אשי מיר האבען גילערנט אמענטש מעג דרימלען ווען ער גייט אין דיא תפלין. אבער שלאפען טאר ער ניט ווען ער גייט אין תפלין. איז דאך די קשיא ווי אזוי מעג ער דרימלען אין תפלין מיר דארפען דאך מורא האבין טאמער וועט ער אנשלאפען ווערין. האט רב יוסף בריה דרב עילאי גיזאגט ווען מעג מען דרימלען אין תפלין נאר אז ער זאגט צו זיין חבר או דו וועסט זעהן איך הייב אן צו שלאפין זאלסט מיך באלד אויף וועקין. האט רב משרשיא גיפרעגט דער וועקער דארף דאך אויך האבין אוועקער. מיר דארפען דאך מורא האבין טאמער וועט דער חבר אויך אנשלאפין ווערין. האט רבה בר בר חנה גיזאגט פון רבי יוחנן וועגין דא שמועסט אז ער בייגט איין דעם קאפ ביז צווישען די קניא. וועט ער ניט קענען אנשלאפין ווערין. רבא זאגט אז איינער דרימייעט האבין מיר ניט מורא טאמער וועט ער אנשלאפען ווערין. נאר דריבער טאר מען ניט דרימלען אויסער די סוכה ווארום דרימלען הייסט אויך גישלאפען. אונ שלאפען אויסער די סוכה טאר מען ניט. אבער בייא תפלין איז ניט דער טעם וויל מען טאר ניט שלאפין אין תפלין. מען וואלט מעגין שלאפען אין תפלין נאר מען האט מורא טאמער וועט ער לאזען לופטען פון אונטען. אבער אז ער דרימלט גידיינקט ער אז ער גייט אין תפלין וועט ער זיך היטען ער זאל איין האלטען די לופטען

(ע"ב אמר רב (אסי) אסור לאדם לישן ביום יותר משינת הס"ס וכמה שתין נשמי:

(דף כז) **ה שאל** אפוטרופוס **של אגריפס המלך** את ר' אליעזר כגון אני שאיני רגיל **ל**אכול אלא סעודה אחת ביום מהו שאוכל אכילה אחת **ו**אפטר א"ל בכל יום ויום אתה ממשיך כמה פרפראות **ל**כבוד עצמך ועכשיו אי אתה ממשיך פרפרת **אחת** לכבוד קונך:

**(ע"ב) ו תנו** רבנן מעשה בר' אלעאי שהלך להקביל פני ר' אליעזר ובו ברגל בלוד. אמר **ל**יה אלעאי אינך משובתי הרגל שהיה ר' אליעזר אומר משבח אני את העצלנים שאינן יוצאין מבתיהם ברגל שנאמר (דברים טז) ושמחת בחגך וגו' איני והאמר רבי יצחק מנין שחייב אדם להקביל פני רבו ברגל שנאמר (מ"ב ד) מדוע את הולכת אליו היום לא חדש ולא שבת מכלל דבחדש ושבת מיחייב אדם להקביל פני רבו **לא קשיא הא דאזיל ואתי** ביומיה הא דאזיל ולא אתי ביומיה:

**ז תנו** רבנן מעשה ברבי אליעזר ששבת בגליל **העליון**

ואין בה חילוק בין קבע לעראי לענין סוכה שאין אדם קובע עצמו לשינה בפעמים שאינו אלא מתנמנם אפע ודיו בכך הלכך זו היא שינתי ונבי תפילין דטעמא שמא יפיח בהם ולא משום היסור שינה כי נייס פורחא לא הוי לידי הפחה:
אפיטרופוס של אגריפס. ממונה על בלו ורב ביתו אקירין אבקי"ק: מהו שאוכל סעודה אחת ביום. בסוכה והפטר: פרפראות. מיני מעדנים המיהחים את בני מעים להיות לב מתוך אחר הפה ויאכל:
אינך משובתי הרגל. שאיל ולא עמדת בביתך אלא הלכת: משבח אני את העצלנים. אע"פ שלא בשביל הרגל מתעכבין בבתי אף כל ימות השנה אין יוצאין מחמת עצלות אעפ"כ משבח אני: והאמר רבי יצחק מדוע וכו'. בעלה של שונמית אמר לה כשאמרה לו ואחזרה עד איש האלהים ואשובה: הא דאזיל ואתי ביומיה. ונמצאת שמחה הרגל עם אשתו חייב להקביל פני רבו כגון עיר בתוך התחום או על ידי עירוב:
שבת בסוכתו של רבי יוחנן וכו'. לקמן פריך אל אמר ר' אליעזר משבח אני את העצלנים:

---

**ביז** ער וועט אוים מאכן די תפלין. רב זאגט אמענטש טאר ניט שלאפען ביי טאג לענגער ווי אפערד שלאפט. דאס איז זעכציג אטעמס צו ציהען. אהאלבע שעה:

**ה** שאל. דער מיניסטער פון דעם מלך אגריפס האט געפרעגט ביי רבי אליעזר אזוי **ווי** איך וואס איך עס ניט מער נאר איין מאהל אין מעת לעת. אויב איך וועל עסין סוכות **אויך** נאר איין מאהל אין מעת לעת אין סוכה. איז גענוג. אדער נייין איך מוז מיך נייטען **צו** עסין צוויי מאהל אין מעת לעת אין סוכה: איין מאהל ביי טאג אונ איין מאהל ביי נאכט. **הט** רבי אליעזר געזאגט צו אים. וויא פיל ערליי שפייזין עסטו אלע טאג פון דיין הנאה וועגין **אויסער** דיין סעודה. אונ איצט אום סוכות ווילסטו ניט עסין אפילו איינערליי שפייז אין סוכה אויסער דיין סעודה פון גאטס וועגין:

**ו** תנו רבנן. די רבנן האבען געלערינט עס האט אמאהל געטראפען רבי אלעאי איז **געגאנגען** אויף יום טוב צו זיין רבי רבי אליעזר וואס ער הט געוואוינט אין לוד. הט רבי אליעזר **געזאגט** צו רבי אלעאי פאר וואס ביסטו ניט געבליבען יום טוב אין דיין היים. ווארום רבי **אליעזר** פלעגט זאגין איך לויב די פוילע מענטשין וואס יום טוב גייען זייא ניט ארויס פון **שטוב**. ווארום עס שטייט אין פסוק דו זאלסט דיך פרייען יום טוב מיט דיין ווייב אונ **קינדער**. פרעגט די גמרא עס איז דאך ניט אזוי ווארום רבי יצחק האט געזאגט פון וואנען **ווייסען** מיר אז אמענטש דארף קומען צו זיין רבי זעהן זיין פנים אום יום טוב. ווארום עס **שטייט** אין פסוק דער מאן פון שונמית האט געזאגט צו זיין ווייב ווארום גייסטו היינט צו אלישע **היינט** איז דאך ניט ראש חודש אונ ניט שבת. פאר שטייען מיר אבער ראש חודש אונ שבת **דארף** אמענטש גיין זעהן דעם פנים פון זיין רבי. זאגט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא **אז** ער קען גיין צו זיין רבי אום יום טוב אונ קומען דעם זעלבינען טאג צוריק אהיים. **ווארום** דער רבי וואוינט נאנט פון איהם. מוז ער גיין צו זיין רבי אום יום טוב. אבער אז **דער** רבי וואוינט ווייט פון איהם. ער קען ניט קומען אום יום טוב צוריק אהיים. זאל ער זיין יום טוב אין זיין היים:

**ז** תנו רבנן. די רבנן האבען געלערינט עס האט אמאהל געטראפען רבי אליעזר האט **גיהאלטען**

העליון בסוכתו של רבי יוחנן (בן) [בר'] אלעאי בקסרי ואמרי לה בקסרין הגיע חמה לסוכתו א"ל (רבי) מהו שאפרוש עליה סדין אמר ליה אין לך כל שבט ושבט מישראל שלא העמיד ממנו שופט. הגיע חמה לחצי הסוכה א"ל מהו שאפרוש עליה סדין אמר לו אין לך כל שבט ושבט מישראל שלא יצאו ממנו נביאים ושבט יהודה ושבט בנימין העמידו מלכים על פי הנביאים. הגיע חמה למרגלותיו של רבי אליעזר נטל ר' יוחנן בר' אלעאי סדין ופירש עליה הפשיל רבי אליעזר טליתו (עליו) ולאחוריו] ויצא לא מפני שהפליגו בדברים אלא שלא אמר דבר שלא שמע מפי רבו:

(דף כח) ח תנו רבנן מעשה ברבי אליעזר ששבת בגליל העליון ושאלוהו שלשים הלכות בהלכות סוכה שתים עשרה אמר להם שמעתי, ושמונה עשרה אמר להם לא שמעתי ר' יוסי בר' יהודה אומר חילוף הדברים שמונה עשרה אמר להם שמעתי שנים עשר

מהו שאפרוש. עליה סדין לצל שלא תשוקף החמה מי אסור משום מוסיף על אהל עראי בשבת או לא: אין לך כל שבט וכו'. השיאו לדבר אחר כדקאמר לקמן שלא אמר דבר שלא שמע מפי רבו: שלא העמיד שופט. ומוציא [את] ישראל אותן שהיו מימות יהושע ועד שמואל שמשח את שאול למלך. יהושע מאפרים אהוד מבנימין גדעון ממנשה בני מבני רחל שמשון מדן ברק מקדש נפתלי הרי מבני בלהה אבצן זה בועז מיהודה עלי מלוי תולע מיששכר אלון הזבולני מזבולון אלו מפורשים אבל עתניאל ויפתח ושמגר ויאיר ועבדון לא ידעתי מאי שמות שבטיהם מראובן משמעון גד ואשר לא מצאתי מפורש: הגיע חמה. מתפשטת ומתקרבת אצלם: מלכים על פי נביאים. שאול ודוד ע"פ שמואל: ויצא. שלא יאמרו החזיר את הדבר: לא מפני שהפליגו בדברים. מה שהשיאו לדבר אחר לא להפליגו ממנו ולדחותו שלא עמדו סופו נתכוון אלא שלא אמר דבר וכו':

---

גיהאלטען שבת אין אויבערשטין גליל אין די סוכה פון רבי יוחנן בברבי אלעאי אין קסרי אנדערע זאגין אין קסרין. איז גיקומען די זון צו די סוכה. האט רבי יוחנן גיפרעגט ביי רבי אליעזר מעג איך פאר שפרייטען א ליילאך אויף די סוכה. האט רבי אליעזר גיענטפערט עס איז ניטא איין שבט פון יודין וואס פון איהם איז ניט גיוועזן א שופט. פון יעדער שבט איז גיוועזן א שופט. דער נאך איז גיקומען די זוהן ביז אהאלבע סוכה. האט רבי יוחנן גיפרעגט ביי רבי אליעזר מעג איך פאר שפרייטען א ליילאך אויף די סוכה. האט רבי אליעזר גיענטפערט עס איז ניטא איין שבט פון יודין וואס פון איהם איז ניט גיוועזן נביאים. פון יעדער שבט איז גיוועזן א נביא. דער שבט יהודה אונ דער שבט בנימין האבען אויף גישטעלט מלכים דורך די נביאים. ושמואל הנביא האט אויף גישטעלט איין מלך שאול פון שבט בנימין. אונ איין מלך דוד פון שבט יהודה. דער נאך איז די זוהן גיקומען ביז צו די פיס פון רבי אליעזר. האט רבי יוחנן בברבי אלעאי גינומען א ליילאך אונ האט פאר שפרייט אויף די סוכה. האט רבי אליעזר פאר ווארפען זיין קלייד אויף אינמען אונ איז ארויס גיגאנגען פון די סוכה. דאס וואס רבי אליעזר האט ניט גיענטפערט צו רבי יוחנן אויף זיינע שאלות. איז ניט גיוועזן ווייל רבי אליעזר האט גיוואלט דער ווייטערין פון זיך רבי יוחנן ער זאל ניט לערנען מיט איהם תורה: נאר ווייל רבי אליעזר האט קיין מאהל ניט גיזאגט אזוי אזאך וואס ער האט ניט גיהערט פון זיין רבי. אונ אויף דיא שאלות האט רבי אליעזר ניט גיהערט קיין תשובה פון זיין רבי:

ח תנו רבנן. די רבנן האבען גילערנט עס האט אמאהל גיטראפען רבי אליעזר האט גיהאלטען שבת אין אויבערשטין גליל. האט מען ביי איהם גיפרעגט דרייסיג דינים אין דיא דינים פון סוכה. אויף צוועלף שאלות האט רבי אליעזר גיענטפערט איך האב גיהערט פון מיין רבי ווי דער דין איז. אונ אויף אכטצעהן שאלות האט ער גיענטפערט איך האב ניט גיהערט פון מיין רבי וויא דער דין איז. רבי יוסי ברבי יהודה זאגט פאר קערט איז גיוועזן אויף אכטצעהן שאלות האט רבי אליעזר גיענטפערט איך האב גיהערט פון מ' רבי וויא דער דין איז. אונ אויף צוועלף שאלות האט ער גיענטפערט איך האב ניט גיהערט פון מיין רבי ווי דער דין איז. האבען זיי גיזאגט צו רבי אליעזר הייסטו דען ניט צו זאגין נאר דאס וואס דו האסט

עשר אמר להם לא שמעתי אמרו ליה (רבי) כל דבריך אינן אלא מפי השמועה אמר להם הזקקתוני לומר דבר שלא שמעתי מפי רבותי אמר להם מימי לא קדמני אדם לבה"מ ולא ישנתי בבה"מ לא שינת קבע ולא שינת עראי ולא הנחתי אדם בבית המדרש ויצאתי ולא שחתי שיחת חולין ולא אמרתי דבר שלא שמעתי מפי רבי לעולם:

**ט אמרו** עליו על ריב"ז מימיו לא שח שיחת חולין ולא הלך ד' אמות בלא תורה ובלא תפילין ולא ישן בבית המדרש לא שינת קבע ולא שינת עראי ולא קדמהו אדם בבה"מ ולא הניח אדם בבית המדרש ויצא ולא הרהר במבואות המטונפות ולא מצאו אדם יושב ודומם אלא יושב ושונה ולא פתח אדם דלת לתלמידיו אלא הוא בעצמו ולא אמר דבר שלא שמע מפי רבו לעולם ולא אמר הגיע עת לעמוד מבית המדרש חוץ מערבי פסחים וערבי יה"כ וכן היה רבי אליעזר תלמידו נוהג אחריו:

**י תנו** רבנן שמונים תלמידים היו לו להלל הזקן ל' מהם ראויין שתשרה שכינה עליהם כמשה רבינו

אין אלא מפי השמועה. כתמיה: הזקקתוני. כלומר הזקקוני לומר דבר וכו' להגיד לכם את מדותי וזו אחת מהן: שיחת חולין. דברי הבאי ושתוק לגוער מה שספק בידי לא מפני שלא טרחתי בכל אלה ולא שלמדו רבותי דבר בבית המדרש ולא שמעתיו ומה שלא שמעתי לא אומר שכך היה מדתי:

בלא תורה. בלא גירסא שהיה הולך ושונה תמיד:

חוץ מערבי פסחים. מפני עשיית פסחים ומפני התינוקות שלא יישנו קודם מצות כפסחים וביוה"כ שצריך להאכיל מבעוד יום:

מבואות. דרך מבוא ובריית' של בית סוריס

---

גיהערט פון זיין רבי. דו אליין קענסט דאך אויך לערנען. האט רבי אליעזר צו זייא גזאגט ווערט איר דען מיך נייטין איך זאל אייך זאגין אזוי אזאך וואס איך האב גאר ניט גיהערט פון מיינע רבים. האט רבי אליעזר צו זיי גזאגט איך וועל אייך זאגין מיינע מדות עס האט קיין מאהל ניט גיטראפין אז אמענטש זאל קומען אין בית המדרש פריער פאר מיר. אונ איך בין קיין מאהל ניט גישלאפין אין בית המדרש. ניט גישלאפען אונ ניט גדרימלעט. אונ איך האב קיין מאהל ניט גילאזען אמענטשין אין בית המדרש ווען איך בין ארויס גיגאנגען פון בית המדרש. נאר איך בין ארויס גיגאנגען דער לעצטער פון בית המדרש. אונ איך האב קיין מאהל ניט גירעט פראסטע רייד. אונ איך האב קיין מאהל ניט גזאגט אזאך וואס איך האב ניט גיהערט פון מיין רבי. אונ היינט וועל איך אויך ניט זאגין וואס איך האב ניט גיהערט פון מיין רבי (ועיין מהרש"א):

**ט** אמרו. מען האט גזאגט אויף רבן יוחנן בן זכאי אז דיא גאנצע צייט וואס ער האט גילעבט האט ער ניט גירעט קיין פראסטע רייד. אונ ער איז ניט גיגאנגען פיר איילען אן תורה לערנען אונ אן תפלין. אונ ער איז ניט גישלאפען אין בית המדרש. ניט גישלאפען אונ ניט גדרימלעט. אונ עס איז קיין מאהל ניט גיקומען קיין מענטש אין בית המדרש פריער פאר איהם. אונ ער האט קיין מאהל ניט גילאזען אמענטשין אין בית המדרש ווען ער איז ארויס גיגאנגען פון בית המדרש. ווארום ער איז גיוועזען דער ערשטער צום קומען אין בית המדרש. אונ דער לעצטער צום ארויס גיין פון בית המדרש. אונ אז ער איז גיגאנגען אין אמיאוסע גאס האט ער ניט גיטראכט אין די תורה. אונ עס האט קיין מאהל ניט גיטראפען אז אמענטש זאל איהם געפינען זיצען אונ שווייגען. נאר ער איז גיזעסען אונ גילערנט. אונ קיין מענטש האט ניט גיעפענט די טיר פון בית המדרש פאר זיינע תלמידים נאר ער אליין. אונ ער האט קיין מאהל ניט גזאגט אזאך וואס ער האט ניט גיהערט פון זיין רבי. אונ ער האט קיין מאהל ניט גזאגט עס איז שוין צייט צו גיין פון בית המדרש. נאר ערב פסח אונ ערב יום כפור האט ער גיהייסען דיא תלמידים זייא זאלען גיין אהיים. אונ זיין תלמיד רבי אליעזר האט זיך אויך אזוי געפירט:

**י** תנו רבנן. די רבנן האבען גילערנט הלל הזקן האט גיהאט אכציג תלמידים. דרייסיג פון זיי זענען ווערט גיוועזען די שכינה זאל אויף זיי רוהען אזוי ווייא אויף משה רבינו. אונ דרייסיג

פון

רבינו ול' מהם ראויין שתעמוד להם חמה כיהושע כ' מהם בינונים גדול שבכלן יונתן בן עוזיאל וקטן שבכלן ריב"ז אמרו עליו על ריב"ז שלא הניח מקרא משנה גמרא הלכות ואגדות דקדוקי תורה ודקדוקי סופרים קלות וחמורות וגזירות שוות תקופות וגימטריאות שיחת מלאכי השרת ושיחת שדים ושיחת דקלים משלות כובכים משלות שועלים דבר קטן ודבר גדול. דבר גדול מעשה מרכבה ודבר קטן הויות דאביי ורבא לקיים מה שנאמר (משלי ח) להנחיל אוהבי יש ואוצרותיהם אמלא. וכי מאחר שקטן שבכולם כך גדול שבכולם עאכ"ו. אמרו על יונתן בן עוזיאל שבשעה שהיה יושב ושונה ועוסק בתורה כל עוף שפורח עליו (באויר) מיד נשרף:

(ע"ב) יא האמר רבא מקרי ומתני במטללתא ותנויי בר ממטללתא לא קשיא הא במג"ס

הא

פירוש

(ח"כ וספרי): גמרא. שהיא סברת טעמי משניות המתרצות מדקדקים בדברי המשניות הסתומות לפרשן וליתן להם טעם כמו שעשו האמוראים להתר ההכחשות שבפי' דברי התנאים שלפניהם וקבעו להם גמרא. ואותן דקדוקים שבימי שהגמיר היו גמרא: הלכות. הלכה למשה מסיני. כגון גוד ולבוד ודופן עקומה שיעורין חלצין מחיצין עשר נטיעות ערבה וניסוך המים: ודקדוקי תורה. רבויי אותיות שבאים לדקדק לדרוש בהן רבויין ומיעוטין כגון ההזאה להוציא את שטים שדקדקה התורה בלשונה לכתוב את יתירה נלמד: ודקדוקי סופרים. שהוסיפו לדקדק אחר מעשה הבריות ולהחמיר לעשות סייג ולגיים לתורה, וגזרו גזרות להרחיק האדם מן העבירה ודכותיה בכבודה ג' הבא לקבל דברי תורה עליו חוץ מדבר אחד אין מקבלין אותו. ר' יוסי (בר' יהודה) אומר אפי' דקדוק אחד מדקדוקי סופרים: קלים וחמורים. דברים הלמדים בק"ו שניתנו לדרש מעצמם לכל אדם ולא פירשו (כולן) [כלום] בסיני: וגזירות שוות. דברים הנלמדים בג"ש: תקופות. חשבון הלוך חמה ולבנה: גמטריאות. דברים שלמדים בלי גימטריא כגון שאך בכל בא"ם כ"ב כשדים לא קאי כל"ת כ"ב (מקרא אל על יושבי לב קמי והיינו כשדים) בכדה כגון כא"ם ב"ח וכן נפי מנין האותיות כגון כתב נזירות שלשים יום מקדוש יהיה יהי"ה בגימטריא הלהין הוי: שיחת מלאכי השרת שיחת שדים שיחת דקלים לא ידענא מאי היא: משלות כובכים משלות שועלים. דבר החכמה ביסדו קדמונים להם אמתלא להוכחתם יהולין אותם בכובכין ובשועלים כגון מהזני לדק הביה אכלו ביכר (ולדיק מגרה נהלך וכימי האמוראים נשתכחו): הויות דאביי ורבא. כל איבעיא להו לאביי ורבא שוה מספקא להו ובכולן נתן להו ונתן להם טעם. ובימי אמוראים נשתכחו: נשרף. שהיו מלאכי השרת סביביו ומתקבלים לשמוע תורה מפיו:

מקרי ומתני. לקרות מקרא שבכתב ולשנות משניות בעזרה ושאגדות בפה: במטללתא. בסוכה:

ספי

פון זיי זענען וועלט געוועזן די זוהן זאל שטיין פון זייערטוועגן אזוי ווי זי איז געשטאנען פאר יהושע. אונ צוואנציג פון זיי זענען געוועזן מיטעלע. דער גרעסטער תלמיד איז געוועזן יונתן בן עוזיאל. אונ דער קלענסטער תלמיד איז געוועזן רבי יוחנן בן זכאי. מען האט גזאגט אויף רבי יוחנן בן זכאי אז ער האט ני לערונט תורה נביאים כתובים. משניות. גמרא. דינים וואס גאט האט גזאגט אוים ווייניג צו משה רבינו אויף דעם בארג סיני. אגדות. די דינים וואס מען לערונט אפ פון די איבעריגע אותיות וואס אין די תורה. די אלע גזרות אונ תקנות וום די רבנן האבין גימאכט. אונ די אלע זאכען וואס מען לערונט אפ פון אקל וחומר. אונ פון אגזרה שוה. תקופות. דעם גאנג פון די זוהן אסטראנאמיע. אונ די דינים וואס מען לערונט אפ פון דעם צאהל פון די אותיות. למשל ביי אנזיר שטייט דער ווארט יהיה. אונ יהיה בטרעפט דרייסיג. ווייסען מיר אז איינער זאגט איך זאל זיין אנזיר אונ ער זאגט נים ווי פיל טעג איז ער אנזיר דרייסיג טעג. ער האט געוואוסט די שפראך פון די מלאכים. אונ די שפראך פון דיא שדים. אונ די שפראך פון די בוימער. ער האט געוואוסט די משלים וואס די חכמים האבען גיגעבען אמאהל מיט אוועשער אמאהל מיט אפוקס. ער האט געוואוסט דיא קלענסטע זאך אונ דיא גרעסטע זאך. דיא גרעסטע זאך איז מעשה מרכבה. אונ דיא קלענסטע זאך איז דיא קשיות פון אביי מיט רבא. צו מקיים זיין דעם פסוק צו מאכען ירשנען די מענטשין וום האבן מיך ליב אלץ וואס עס איז דא אויף דער וועלט אונ זייערע אוצרות וועל איך דער פילען. זאגט די גמרא אז דער קלענסטער תלמיד האט אזוי פיל גילערונט אונ גיקענט. ווי פיל האט שוין גיקענט דער גרעסטער תלמיד. מען האט גזאגט אויף יונתן בן עוזיאל ווען ער אין גיזעסין אונ הט גילערונט תורה דער פויגיל וום איז גיפלויגין איבער אים איז באלד פאר ברענט גיווארין. ווארום די מלאכים פלעגין זיך פר זאמלען ארום אים צו הערין די תורה וום גייט ארוס פון זיין מויל:

יא האמר. די גמרא פרעגט אין דער משנה שטייט אז מע מוז לערנען גמרא אין

סוכה

הא בעיוני (דף כט) כי הא דרבא ורמי בר חמא כי הוו קיימי מקמי דרב חסדא מרהטי בגמרא בהדי הדדי והדר מעייני בסברא:

(דף כח ע"ב) **יב משנה** ירדו גשמים מאימתי מותר לפנות משתסרח המקפה

משלו משל לכה"ד לעבד שבא למזוג כוס לרבו ושפך לו קיתון על פניו: (דף כט) **גמ'** איבעיא להו מי שפך למי ת"ש דתניא שפך לו רבו קיתון על פניו וא"ל אי אפשי בשמושך. ת"ר בזמן שהחמה לוקה סימן רע לכל העולם כלו משל למה"ד למלך ב"ו שעשה סעודה לכל עבדיו והניח פנס לפניהם כעס המלך עליהם ואמר לעבדו טול פנס מפניהם והושיבם בחושך הניא ר' מאיר אומר בזמן שהמאורות לוקין סימן רע לשונאיהם של

חמיי. תלמוד שהיה סבור לפרוח ונגן וכן שמפרחת דהמורלי שליק בחות הלה מכלל דקדוקים שהן למדין מתוך דברי המשנה דמדמי מילתא למילתא: כי ממטללתא. אם ירלה דמוטע' הוא ומנטע' סטור מן הסוכה והאוי יפה לו להרחיב דעתו קס"ד הנוי היינו מסנק: הא למיגרס וכו'. כלומר חדי גווני היינו הוי למיגרס גמרא סבורה לו כבר והיינו שמעתא לריך סוכה והיינו מסנק לעיוני. כי ממטללתא: כי הא וכו'. דבשמעתא חיכא דיהטא בלא טרחא והיכא עיון בטרחא: כי הוו קיימי מקמי דרב חסדא. בתר דהגמריניה שמעתתא: מרהטי גמרא. מה בשמעו מפיו דבר פלוני אסור דבר פלוני מותר: והדר מעייני. מה עעמו של דבר ואם יש נפשיב כלום: משל לעבד כו'. כלומר גשמים היורדים נתנו סימן קללה הם משל כו': מי שפך למי. עבד לרבו וה"ק משל לעבד שהיה עובד לרבו עבודה שאינו עובדו כהוגן עד כידוע שאין ישראל עובדין כשורה או דלמא ה"ק ושפך לו רבו קיתון על פניו לומר לא מלפני דאי הפני בשובך וירידת גשמים כיא בסוכה קיתון ומ"מ סימן קללה הוא ומיא ירידת גשמים: בזמן שהחמה וכו'. משום דתיירי בסל נתבך. כך כשהחמה לוקה סימן מאירה כ"כ:

פירוש דמספיהן מונעות לך בסיכת הקיתון מתי היה ישיבת בסוכה הו ירידת נכימני קללה נקט לה: והניח פנס. לישנא"ה גלע"ז: והושיבם נתבך

מפני

סוכה. און רבא האט דאך געזאגט תורה נביאים כתובים משניות מוז מען לערנען אין סוכה. אבער גמרא מעג מען לערנען אין שטוב: זאגט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא. תירוץ גמרא וואס ער האט שוין געלערנט מוז מען אין סוכה. אבער לערנען און קלערן אגמרא גייע קשיות און תירוצים וואס ער האט נאך קיין מאהל ניט געלערנט. מעג ער לערנען אין שטוב אויב ער וויל. אזוי ווי רבא און רמי בר חמא אז זיי פלעגן אויף שטיין פון דער ישיבה פון רב חסדא. פלעגן זיי איינער מיט דעם אנדערין אויף געשווינט דורך לויפען און דורך חזרין דיא גמרא וואס רב חסדא האט מיט זיי געלערנט. דער נאך פלעגן זיי קלערן קשיות און תירוצים אין די גמרא. זיי זאלען האבען צו פרעגן און צו ענטפערן פר רב חסדא:

**יב** משנה. ירדו. אויב עס רעגינט אין סוכה ווען מעג מען ארויס גיין פון סוכה און עסין אין שטוב. אז דאס עסין קען קאליע ווערין פון דעם רעגין. דיא רבנן האבען געזאגט אמשל אויף דעם רעגין וואס גייט אום סוכות. דאס איז גלייך צו אקנעכט וואס גיט אכוס וויין צו זיין בעל הבית. און ער גיסט איהם די וויין אויף זיין פנים. פרעגט די גמרא ווער האט גיגאסען אויף וועמען. דער קנעכט האט גיגאסען די גלאז וויין אויף דעם פנים פון בעל הבית. אדער דער בעל הבית האט גיגאסען די גלאז וויין אויף דעם פנים פון קנעכט. זאגט די גמרא מיר האבען געלערנט דער בעל הבית נעמט דעם כוס וויין און גיסט דאס אויף דעם פנים פון קנעכט. צוא ווייזין אז ער וויל ניט זיין בדינונג. ביי אונז איז אויך אזוי. מיר גייען דינען גאט מיט דער מצוה צו זיצען אין סוכה. גיסט גאט אויף אונז דעם רעגין. מיר זאלען מוזען ארויס גיין פון סוכה. צו ווייזען אונז אז ער וויל ניט אונזערע מצוה.

תנו רבנן. די רבנן האבען געלערנט אז דיא זוהן ווערט געשלאגען ועם ווערט אין דיא זוהן שווארצע פלעקין. עיין ספר יערות דבש ח"ש דרוש לט' טבת) איז אשלעכטער סימן צו די גאנצע וועלט. דאס איז גלייך צו אמלך וואס האט גימאכט אסעודה פאר זיינע קנעכט. און ער האט גישטעלט פאר זייא אלאמפ צום בעלייכטען. אין מיטען דער סעודה איז דער מלך אויף זיי אין בעס גיווארין. האט דער מלך געזאגט צו זיין קנעכט נעם צו דעם לאמפ פון זייא און לאז זיי זיצען אין דער פינסטער. אזוי אז גאט מאכט אין מיטען טאג פינסטער די זוהן. איז אסימן אז גאט איז אויף אונז אין כעס:

תניא. מיר האבען געלערנט רבי מאיר זאגט אז די זוהן מיט די לבנה ווערין גישלאגין

של ישראל מפני שמלומדין במכותיהם משל לסופר שבא לבית הספר ורצועה בידו מי דואג מי שרגיל ללקות בכל יום הוא דואג. תנו רבנן בזמן שהחמה לוקה סימן רע לעכו"ם לבנה לוקה סימן רע לשונאיהם של ישראל משום שישראל מונין ללבנה ועכו"ם לחמה לוקה במזרח סימן רע ליושבי מזרח במערב סימן רע ליושבי מערב באמצע הרקיע סימן רע לכל העולם כלו פניו (של חמה) דומים לדם חרב בא לעולם לשק חצי רעב בא לעולם לזה ולזה חרב וחצי רעב באים לעולם בכניסתו פורענות שוהא לבא ביציאתו פורענות ממהרת לבא לעולם ויש אומרים חילוף הדברים ואין לך כל אומה ואומה שהיא לוקה שאין אלהיה לוקה עמה שנאמר (שמות יב) ובכל אלהי מצרים אעשה שפטים ובזמן שישראל עושין רצונו של הקב"ה אין מתיראין

מכל

מפני שמלומדים במכותיהם. כל מיני קללה ופורענות הבאים לעולם יש להם לישראל לדאוג יותר מאשר אומות מפני שהם רגילין ללקות יותר מכלם לפיכך יש להם לישראל לדאג ולומר לא בא סימן זה אלא בשבילנו: משל לסופר. מלמד תינוקות: ורצועה בידו. לרדות איזה מהן ירא אותו הרגיל ללקות: לוקה במזרח. נלקה כשהחמה במזרח: באמצע הרקיע. כשהיא כשעומדת בראש כל אדם: לשק. עשוי מנוצה של עזים והוא דומה לשחור: חצי רעב. משחירין פנים: לוקה בכניסתו. בשקיעה: פורענות שוהה לבא. כדרך שזוהה סימן להראות עד כלות היום: ביציאתו. זריחה: פורענות ממהרת לבא. כדרך שמיהר סימן לבוא: וי"א חילוף הדברים. לקה בכניסתו ערבית פורענות ממהרת לבא שזהו הסימן כמה שאין לו שהות לשמש ביום בסמוך לשקיעתו ס"א כך אין לפורענות שהות. ביציאתו שחרית. פורענות שוהה לבא כמה שיש לחמה עוד שהות ביום: אלהיה. שר המליץ בעדה כגון המזל שרו של

---

ווי ווערין פינסטערו איז אשלעכטער סימן פאר די יודין. וויל די יודען זענען געוואהנט מען זאל זיי שלאגין. ווארום אלע צרות וואס עס קומט אויף דער וועלט. קומט אויף די יודען מער ווי אויף אלע פעלקער. דריבער אז די זוהן מיט די לבנה ווערין טונקעל וואס דאס איז א סימן אויף שלעכטס. בארפין די יודען מער זארגין ווי אלע פעלקער. ווארום געוויס מיינט מען דם זיי. דאס איז גלייך צו א מלמד וואס קומט אריין אין חדר. אונ ער האלט א קאנטשוק אין האנט צום שלאגין. וועלכע קינד האט מער מורא. דער וואס איז געוואהנט מען זאל איהם אלע טאג שלאגין. דער האט מער מורא:

תנו רבנן. די רבנן האבין גילערונט אז די זוהן ווערט גישלאגין ווי ווערט פינסטערו איז אשלעכטער סימן פאר די עכו"ם. אונ אז די לבנה ווערט גישלאגין ווי ווערט פינסטערן איז אשלעכטער סימן פאר די יודין. וויל די יודין ציילען צו די לבנה. אונ די עכו"ם ציילען צו די זוהן. אז די זוהן ווערט גישלאגען אין דער פריא ווען זיא איז אין מזרח זייט. איז אשלעכטער סימן פאר די מענטשין וואס וואהנען אין מזרח זייט. אונ אז די זוהן ווערט געשלאגען פאר נאכט ווען זיא איז אין מערב זייט. איז אשלעכטער סימן פאר דיא מענטשין וואס וואהנען אין מערב זייט. אונ אז די זוהן ווערט גישלאגען האלבען טאג ווען זיא איז אין מיטען הימעל. איז אשלעכטער סימן פאר די גאנצע וועלט. אויב די זוהן איז רויט ווי בלוט. ווערט זיין מלחמה אויף דער וועלט. אויב די זוהן איז שווארין וויא א זאק וואס איז גימאכט פון האר פון ציגען. ווערט זיין אהונגער אויף דער וועלט. אונ אויב די זוהן איז האלב רויט אונ האלב שווארץ. ווערט זיין מלחמה אונ הונגער אויף דער וועלט. אויב די זוהן האט בעקומען די פלעקין פאר נאכט ווען זיא דארף שוין אריין גיין אין הימעל. ווערט די שטראף ניט זיין אזוי געשווינט. אונ אויב די זוהן האט בעקומען דיא פלעקין אין דער פריא ווען זיא גייט ארויס אויף דער וועלט. ווערט די שטראף געשווינט קומען אויף דר וועלט. אנדערע זאגין פארקערט אז די זוהן האט בעקומען די פלעקין פארין נאכט. ווערט די שטראף געשווינט קומען אויף דר וועלט. אונ אז זיא האט בעקומען דיא פלעקין אין דער פריא. ווערט דיא שטראף ניט זיין אזוי געשווינט. אונ יעדער פאלק וואס ווערט גישלאגין דא אויף דער וועלט. ווערט איהר שר גישלאגין אויבען אין הימעל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אין אלע געטער פון מצרים וועל איך מאכן אשטראף. ודי געטער מיינט מען די שרים פון מצרים וואס זענען אין הימעלו. אונ ווען דיא יודען טוהען דעם ווילען פון גאט דארפען זייא ניט מורא האבען פאר די אלע זאכין. אזוי ווי

עס

מכל אלו שנאמר (ירמיה י) כה אמר ה' אל דרך הגוים אל תלמדו ומאותות השמים אל תחתו כי יחתו הגוים מהמה גוים יחתו ולא ישראל יחתו:

**יג ת"ר** בשביל ד' דברים חמה לוקה על אב"ד שמת ואינו נספד כהלכה ועל נערה המאורסה שצעקה בעיר ואין מושיע לה ועל משכב זכור ועל שני אחים שנשפך דמם כאחד ובשביל ד' דברים מאורות לוקין על כותבי פלסתר ועל מעידי עדות שקר ועל מגדלי בהמה דקה בא"י ועל קוצצי אילנות טובות. ובשביל ארבעה דברים נכסי בעלי בתים נמסרין למלכות על משהי שטרות פרועים ועל מלוי ברבית (ע"ב) ועל שהספיקו בידם למחות ולא מיחו ועל פוסקי צדקה ברבים ואין נותנין. [אמר רב] בשביל ד' דברים נכסי בעלי בתים יורדין לטמיון על כובשי שכר שכיר ועל עושקי שכר שכיר ועל שפורקין עול מצואריהן ונותנין על

עשו: אל דרך הגוים אל תלמדו. לעשות כמעשיהם וכשתעשו כן מאותות השמים אל תחתו: בשביל ד' דברים. לא שמעתי טעם הדבר: מאורות. ירח וכוכבים: כותבי פלסתר. שטרות מזוייפין ומכתבי עמל לשום דופי על אדם לכתוב בשמו מה שלא צוה: מגדלי בהמה דקה. מחריבין את הארץ שאינם יכולים לשמרם מלרעות בשדות חבריהם: ועל קוצצי אילנות טובות. ואפי' הם שלהם שמשחיתין הן וגורמין כבושתן נכרכת של הקב"ה שמשפיע טובו: על משהי שטרות פרועין. אללא כדי לחזור ולגבות פעם אחרת: ועל מלוי ברבית. שמלוין בעלי בתים לישראל ברבית וכתיב מרבה הונו בנשך ותרבית לחונן דלים יקבצנו ואמרינן בב"מ כגון שבור מלכא שהוזן בהם עניי אומות: וכל שהספיקו בידם. של בעלי בתים הללו למחות ביד עוברי עבירה בדורם שאין דבריהם נשמעים להם מחמת עשרם (ותכמחם) ויראים הבריות מהם ולא מיחו: ועל שפוסקין. בעלי בתים שפוסקין צדקה ברבים שיתנם לעניים ואין נותנין: לטמיון. שנטמנין ונבלעין מאליהן: כובשי וכו'. שמדחהו לך ושוב: עושק. לגמרי גוזל שכרו:

עס שטייט אין פסוק אזוי האט גאט גיזאגט צו דעם וועג פון די פעלקער זאלט איהר אייך ניט לערנען. (איהר זאלט ניט טאהן אזוי ווי די פעלקער טוהען) נאר איהר זאלט טאהן דעם ווילען פון גאט וועט איהר ניט דארפען מורא האבין פאר די צייכונגס פון הימעל. נאר דיא פעלקער וועלין מורא האבען פאר די צייכונגס פון הימעל. די עכו"ם וועלין מורא האבען. אבער די יודען וועלין ניט מורא האבען:

**יג** תנו רבנן. די רבנן האבען גילערונט פון וועגין פיר זאכען ווערט די זוהן גישלאגין. אז דער גרעכטער פון בית דין איז גישטארבען און מען האט איהם ניט בספיד גיוועז אזוי וויא מען האט איהם גידארפט מספיד זיין. און אז איינער האט גינייט (מיא ווערט פינסטער). אמיידיל אבלה וואס איהר התן האט איהר שוין בקדש גיוועז. און ער האט מיט איהר מזנה גיוועז אין שטאט. און זיא הט געשריגען מען זאל איהר ראטעווען פון זיינע הענט. און קיינער איז ניט גיקומען איהר העלפין מען זאל איהר צו נעמען פון איהם. און אז אזכר איז מזנה מיט אזכר. און אויף צווייא ברידער וואס זייער בלוט איז פאר גאסען גיווארען מיט איין מאהל מיט איין מאהל. און פון וועגין פיר זאכען ווערט דיא לבנה מיט די שטערין גישלאגין זייא ווערין פינסטער. אויף דיא וואס שרייבען פאלשע וועקסלען. און אויף דיא וואס זאגען פאלשע עדות. און אויף דיא וואס האדעווען יונגע בהמות אין ארץ ישראל. ווייל זיי ווערין געפיטערט אין פרעמדע פעלדער. און אויף די מענטשין וואס האקען אפ גוטע בוימער וואס אויף זייא וואקסט נאך פירות. אפילו די בוימער זענען זייער אייגענע טאר מען זייא אויך ניט אפ האקען. און פון וועגין פיר זאכען ווערט דאס פארמעגין פון די בעלי בתים אוועק גינומען צום מלך. ווייל זייא האלטען בעצאהלטע וועקסלען. זייא זאלען מאנען דעם חוב נאך אמאהל. און ווייל זייא פאר בארגין געלט אויף פראצענט. און ווייל זיי קענען שטראפען די רשעים זייא זאלען ניט טאהן עבירות. און זייא שטראפען ניט. און ווייל ווען זייא זענען צווישען פיל מענטשין. ולמשל אין שוהל אדער אין גאס זאגען זיי צו פיל צדקה צו געבין און זיי געבין ניט. רב זאגט פון וועגין פיר זאכען פארלירען דיא בעלי בתים זייער פאר מעגין. ווייל אז זיי דינגען אמענטשין צום ארבעטין בצאהלין זייא איהם ניט צו דער צייט אזוי וויא עס שטייט אין דיא תורה. און ווייל זייא בצאהלען גאר ניט דעם ארבעטער. און ווייל זיי נעמען אראפ דעם יאך פון זייערע האלדזער און ניבען איהם אויף דיא האלדזער פון זייערע חברים. ולמשל אז מען דארף געבין פראטעקעס. ווארפען זיי ארויף די פראטעקעס

אויף

על חבריהן ועל גסות הרוח ונסות הרוח כנגד כולן אבל בענוה כתיב (תהלים לז) וענוים יירשו ארץ (נצר מטעי מעשה ידי להתפאר) [והתענגו על רוב שלום]:

## לולב הגזול פרק שלישי

(דף ל) **א אמר** ר' יוחנן משום ר' שמעון בן יוחאי מאי דכתיב (ישעיה סא) כי אני ה' אוהב משפט שונא גזל בעולה. משל למה"ד למלך ב"ו שהיה עובר על בית המכס אמר לעבדיו תנו מכס למוכסים אמרו לו עבדיו אדונינו המלך כל המכס שלך הוא אמר להם ממני ילמדו עוברי דרכים שלא יבריחו עצמם מן המכס ואף הקב"ה כך אמר כי אני ה' אוהב משפט וגו' ממני ילמדו בני ויבריחו עצמם מן הגזל איתמר נמי א"ר אמי יבש פסול מפני שאין (לו) הדר גזול פסול מפני שהוא מצוה הבאה בעבירה:

(דף לב ע"ב) **ב אמר** רבי מריון א"ר יהושע בן לוי ואמרי לה תני רבה בר מרי משום ר"י בן זכאי שתי תמרות יש בגי בן הנם ועולה עשן מביניהם וזו ששנינו צני הר הברזל כשרות וזו היא פתחה של גיהנם:

**פירוש**

עד גבי כרות. שמגלחין ומספרין על לחיהם כתמת עשרה הנס: אוהב משפט שונא גזל בעולה: כשעולה שאתה מביאים לי אני שונא אם הגזל שאתם גוזלים אותם ותע"פ שהכל שלי והוף מההיגה שלי כיתה:

שתי תמרות. שני דקלים: גי בן הנם. סמוך לירושלים: וזו היא ששנינו. במשנה והמיה הנם זה: לא מי כר כברזל. ליני דקלים: כשרות. לולבים שלהם ואע"פ שעליהם קטנים מאד ואינם עולים עם הרכס של שדרה:

---

אויף דיא ארעמע לייט. אונ זייא געבין גאר ניטו. אונ ווייל זייא האלטען זיך גרויס געגין די ארעמע לייט. אונ דיא עבירה וואס אמענטש האלט זיך גרויס. דאס בשטייט נעגין אלע עבירות. אבער ביי די מענטשין וואס זענען נידעריג ביי זיך שטייט אין פסוק די נידעריגע מענטשין וועלין ירשנן די וועלט. אונ זייא וועלין האבען פערגעניגען מיט פיל שלום:

## פרק שלישי

**א אמר**. רבי יוחנן האט גיזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין וואס מיינט דער פסוק איך גאט האב ליב משפט. מען זאל טאהן וויא דער דין איז. אונ איך האב פיינט מען זאל גזלנן בהמות אונ מען זאל זיי מקריב זיין פאר עולות צו מיר. דאס איז גליך צו איין מלך וואס איז אמאהל גיפארען אויף אזוי איין ארט וואס מען דארף צאהלין מכס. ולמשל ער איז גיפארין אויף אבריק וואס מען דארף צאהלין בריק געלט. אדער ער איז גיפארען דורך אגרענעץ אונ ער האט געפירט מיט זיך סחורה) הט ער גיזאגט צו זיינע קנעכט גיט דעם מכס. ובצאהלט בריק געלט. אונ צאהלט אפ פאר די סחורה) פון מיינעטוועגין האבען די קנעכט גיזאגט צום מלך דער גאנצער מכס איז דאך דיינער ווארום זאלען מיר צאהלין מכס פון דיינעטוועגין. האט דער מלך גיזאגט צו זיינע קנעכט פון מיר וועלין אפ לערנען אלע מענטשין וואס פארין אין וועג זיי זאלין ניט אנטלויפין אונ זאלין ניט גנבנן דעם מכס. זיי וועלין זאגין מאראך דער מלך צאהלט מכס דארפין מיר דאך געוויס צאהלין מכס. ביי גאט איז אויך אזוי. גאט זאגט איך האב ליב צוא טאהן וויא דער דין איז. איך האב פיינט צו גזלנן. אונ פון מיר זאלען זיך אפ לערנען מיינע קינדער אונ זאלין אויך אנטלויפין פון גזלה. זייא וועלין זאגין מאראך גאט וואס די גאנצע וועלט איז זיינע. פון דעסטוועגין וויל ער קיינעם ניט גזלנן. טארין מיר דאך געוויס ניט גזלנן. זאגט דיא גמרא מיר האבין אויך אזוי גילערונט. רבי אמי זאגט אטרוקענער לולב איז פסול ווייל ער איז ניט שיין. אונ אגיגזלטער לולב איז פסול ווייל דאס איז אמצוה וואס קומט דורך אעבירה:

**ב אמר**. רבי מריון האט גיזאגט רבי יהושע בן לוי זאגט. אנדערע זאגין רבה בר מרי האט דאס גילערונט פון רבי יוחנן בן זכאים וועגין צוויי טייטיל בוימער איז דא אין דעם טאהל בן הנום. צווישען די צוויי טייטיל בוימער גייט ארויס ארויך. דאס איז וואס מיר האבען גילערונט דיא טייטיל בוימער וואס וואקסין אויף דעם אייזערנעם בארג זענען כשר צו נעמען פון

(דף לד) ג כתיב ביחזקאל (חזקאל יז) ויקח מזרע הארץ ויתנהו בשדה זרע קח על מים רבים צפצפה שמו אמר ר' אבהו אמר הקב"ה אני אמרתי שיהיו ישראל לפני כקח על מים רבים ומאי נינהו ערבה [והן] שמו עצכם בצפצפה בין ההרים :

הודו התחלה וסוף . הודו שבתחלת פסוק והודו שבסוף פסוק בסוף הלל מן הודו עד סוף הלל חדא פרשה היא במנין פרשיות של ספר תהלים : למי שד' רוחות שלו . מוליך זו אנו עושים לשמו כן מעלה ומוריד כנגדו : אתה אומרת . כל דכי יוסי דקאמר מצות הנוסף עוצרת רוחות רעים וטללים

(דף לז ע"ב) ד מתני' והיכן היו מנענעין בהודו לה' תהלה וסוף ובאנא ה' הושיעה נא דברי ב"ה וב"ש אומרים אף באנא ה' הצליחה נא אר"ע צופה הייתי ברבן גמליאל ור' יהושע שכל העם היו מנענעין בלולביהן והם לא נענעו אלא באנא ה' הושיעה נא :

ה תנן התם שתי הלחם ושני כבשי עצרת כיצד הוא עושה מניח שתי הלחם על גבי שני הכבשין ומניח ידו תחתיהן ומניף ומוליך ומביא מעלה ומוריד שנאמר (שמות כט) אשר הונף ואשר הורם א"ר יוחנן מוליך ומביא למי שארבע רוחות שלו מעלה ומוריד למי שהשמים והארץ שלו . במערבא מתני הכי א"ר חמא בר עוקבא אמר ר' יוסי בר חנינא מוליך ומביא כדי לעצור רוחות רעות מעלה ומוריד כדי לעצור טללים רעים . אמר רבי יוסי בר אבין ואיתימא ר' יוסי בר זבידא

---

זיי לולבים אויף כוכות . אונ דארט איז די טיר פון גיהנם :

ג כתיב . עס שטייט אין פסוק ביי יחזקאל הנביא . ער האט גינומען פון דיא פארזייאונג פון דער ערד אונ ער האט דאס גיגעבין אין אפאר זייעטע פעלד . ער נעמט ביי פיל וואסער זיין נאמען איז צפצפה . האט רבי אבהו גיזאגט אזוי מיינט דער פסוק . גאט האט גיזאגט איך האב גימיינט אז די יודען וועלין זיין פאר מיר אזוי ווי די זאך וואס ווערט גינומען וואס וואקסט ביי פיל וואסער . דאס איז ערבות . אונ זיי האבען זיך גימאכט ווי די צפצפה וואס וואקסט צווישען דיא בערג :

ד מתניתין . והיכן . ווען שאקילט מען דעם לולב . בייא דעם ערשטין הודו ליי' . אונ ביי דעם לעצטען הודו ליי' . אונ ביי אנא יי' הושיעה נא . אזוי זאגין בית הלל . בית שמאי זאגין ביי אנא יי' הצליחה נא דארף מען אויך שאקלען דעם לולב . רבי עקיבא האט גיזאגט איך האב גיקוקט אויף רבן גמליאל אונ אויף רבי יהושע . האב איך גיזעהן אלע יודען וואס זענען גיוועז אין שוהל האבין גישאקילט זייערע לולבים . אונ רבן גמליאל אונ רבי יהושע האבען ניט מער גישאקילט דעם לולב נאר ווען זיי האבען גיזאגט אנא יי' הושיעה נא :

ה תנן התם . מיר האבען גילערנט די צוויי ברויט אונ די צוויי שעפסין וואס מען איז מקריב אום שבועות . וויא טוהט מען מיט זיי . ער לייגט דיא צוויי ברויט אויף דיא צווייא שעפסין : אונ ער האלט די האנט אונטער די שעפסין . אונ ער הייבט זיי אויף . אונ ער פירט זייא פון זיך אונ ברענגט זייא צו זיך . ער הייבט זיי אויף אונ נידערט זיי אראפ . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וואס עס איז אויף גיהויבין גיווארין אונ אפ גישיידט גיווארין . רבי יוחנן זאגט ער זאל פירע, פון זיך אונ ברענגען צו זיך אין אלע פיר זייטין פון דער וועלט . מזרח מערב . צפון . דרום . אונ זאל ווייזין אז אלע פיר זייטין פון דער וועלט גיהערין צו גאט . אונ ער זאל אויף הייבין אין דער הייך אונ אראפ נידערין צו דער ערד . ער זאל ווייזין אז די הימעל אונ די ערד גיהערין צו גאט . אין ארץ ישראל האט מען אזוי גילערנט רבי חמא בר עוקבא האט גיזאגט רבי יוסי בר חנינא זאגט ער זאל זייא פירען פון זיך אונ ברענגען צו זיך אין אלע פיר זייטין פון דער וועלט . מזרח . מערב צפון . דרום . ער זאל אויף האלטין די שלעכטע ווינטען . אונ ער הייבט אויף אין דיא הייך אונ נידערט אראפ צו דער ערד . ער זאל אויף האלטין די שלעכטע טאהען . זיי זאלין ניט קומען אויף דער וועלט . רבי יוסי בר אבין האט גיזאגט . אנדערע זאגין רבי יוסי בר זבידא האט גיזאגט פון דאנען זעהן מיר אז דיא מצות

וואס

ובידא זאת אומרת (ד׳ לח) שירי מצוה מעכבין את הפורענות שהרי תנופה שירי מצוה הוא ועוצרת רוחות וטללים רעים אמר רבא וכן בלולב ורב אחא בר יעקב ממטי ליה ומייתי ליה אמר דין גירא בעיניה דשטנא ולאו מלתא הוא משום דאתי לאיגרויי ביה:

**ו מתני׳** מי שהיה עבד או אשה או קטן מקרין אותו עונה אחריהם מה שהם אומרים ותהי לו מארה וכו׳:

**גמ׳** ת״ר באמת אמרו בן מברך לאביו ועבד מברך לרבו ואשה מברכת לבעלה אבל אמרו חכמים תבא מארה לאדם שאשתו ובניו מברכין לו:

(ע״ב) **ז אמר** רבי שמעון בן פזי א״ר יהושע בן לוי משום בר קפרא מנין לשומע כעונה שנאמר (מ״ב כב) את כל דברי הספר אשר קרא מלך יהודה וכי יאשיהו קראו והלא שפן קראו שנאמר (שם) ויקראהו שפן לפני המלך אלא מכאן לשומע כעונה ודלמא

רעים: שירי מצוה. מליה שהיא שיריים שאינם עיקר למצוה כמדה ואעפ״כ חשובה היא לעכב את הפורענות: שהרי תנופה שירי מצוה היא. והיינו מעכבת כדאמרי׳ בת״כ וכו׳: וכן לולב. מוליך ומביא מעלה ומוריד: ממטי ליה. מוליך: ומייתי. מביא: גירא בעיניה דשטנא. הרי זה לחץ בעינו של שטן שרואה נעיצין שאין בו כח לנתק מעלינו עול מצות: ולאו מלתא היא. אין נכון לומר כן: לאיגרויי. שיגרה בו שטן הרע יצה״ר ויסיתנו להעוה מעל קונו וימסור עצמו על הדבר:

מקרין אותו. כך היו נוהגין אחד קורא את ההלל ומוציא את הרבים ואם היה עבד או אשה או קטן קורא ואין מחויב בדבר אין מוציא את המחויב וידי חובתו הולך עונה אחריו כל מה שהוא אומר: ותהי לו מארה. שלא למד ואם למד סכה לו מארה שמבזה את קונו לעשות שלוחים כאלה: באמת אמרו. כל באמת הלכה היא ואין חולק בדבר: בן. קטן: מברך לאביו. ברכת המזון מפני שאין לאביו חיוב מדרבנן וכו׳: שאשתו ובניו מברכין לו. דודאי מתוך שלא למד הוא: אשר קרא המלך. בספר במצא חלקיה הכהן מפתחי

---

וואס זעהן אויס ווי איבעריג. פון דעסטוועגען אז מען טוהט זיי קענען זיי אויף האלטין די שלעכטס זיי זאלין ניט קומען אויף דער וועלט. ווארום אויף הייבין דעם קרבן זעהט אויס ווי איבעריגע מצוה וואס מען דארף זיא גאר ניט. פון דעסטוועגין אז מהייבט אויף דעם קרבן האלט די מצוה אויף די שלעכטע ווינטען אונ די שלעכטע טאהען זיי זאלען ניט קומען אויף דער וועלט. רבא זאגט דעם לולב דארף מען אויך אזוי אויף הייבין. אין אלע פיר זייטין אונ אויבען אונ אונטען. רב אחא בר יעקב האט געפירט דעם לולב פון זיך. אונ האט איהם גיבראכט צו זיך אין אלע פיר זייטין. מזרח. מערב. צפון. דרום. אונ ער האט גיזאגט דאס איז אפייל אין די אויגין פון שטן. ער זעהט אז ער קען אונז ניט שטערין צו טאהן מצות: זאגט די גמרא אבער מען דארף ניט אזוי טאהן. ווארום דער שטן וועט אין כעס ווערין וועט ער זיך שטארקין אן צו ריידין דעם מענטשין צו עבירות:

ו מתניתין. פאר צייטין איז גיוועזין דער מנהג אז איינער האט גיזאגט הלל. אונ אלע האבען געשוויגען אונ צו גיהערט. זאגט די משנה אבער אז דער וואס האט גיזאגט הלל איז גיוועזין אקנעכט אכנעני. אדער אאשה. אדער אקינד. האבען גיזאגט הלל. דיא וואס האבין גיהערט האבין גימוזט נאך זאגין יעדער ווארט הלל וואס ער האט גיזאגט. אונ עס זאל קומען אפלוכינג אויף דעם מענטש וואס האט ניט גילערנט. אונ ער דארף אז אקנעכט אכנעני אדער אאשה אדער אקינד זאלין דארפין פאר איהם זאגין הלל:

גמרא. די רבנן האבען גילערנט באמת האט מען גיזאגט אז אקינד מעג בענטשין פאר זיין פאטער. אונ אקנעכט אכנעני מעג בענטשין פאר זיין בעל הבית. אונ אווייב מעג בענטשין פאר איהר מאן. נאר די חכמים האבען גיזאגט אפלוכינג זאל קומען אויף דעם מענטש ווס האט ניט גילערנט. אונ ער דארף אז זיין ווייב אונ קינדער זאלין בענטשין פון זיינעטוועגין אונ ער זאל נאך זאגין וואס זיי זאגין:

ז אמר. רבי שמעון בן פזי האט גזאגט רבי יהושע בן לוי האט גזאגט פון בר קפראס וועגין פון וואנען ווייסען מיר אז מען הערט איז גלייך ווי מען זאגט אליין. ווארום עס שטייט אין פסוק די אלע רייד פון דעם ספר וואס יאשיהו דער מלך פון יהודה האט גילייענט. האט דען יאשיהו גילייענט דעם ספר. שפן האט דאך גילייענט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שפן האט גילייענט דעם ספר פאר דעם מלך. אונ דער מלך האט צוא גיהערט. נאר פון

דאנען

ודלמא לאהר דקרינהו שפן עיין ביה איהו וקרינהו אמר רב אחא בר יעקב לא ס"ד דכתיב (שם) יען רך לבבך ותכנע לפני ה' בשמעך ולא בקראך . אמר רבא לא לימא איניש ברוך הבא והדר בשם ה' אלא לימא ברוך הבא בשם ה' בהדדי אמר ליה רב ספרא (ד' פ) משה שפיר קאמרת אלא הכא והתם אמרי אסוקי מלתא היא ולית לן בה . ואמר רבא לא לימא איניש יהא שמיה רבא והדר מברך אלא יהא שמיה רבא מברך בהדדי א"ל רב ספרא משה שפיר קאמרת אלא הכא והתם אמרי אסוקי מלתא היא ולית לן בה :

קרא בספר מלכים : לא לימא איניש . מי שאין אחר מקרא אותו לא לימא ברוך הבא ויפסיק בינתים והדר בשם ה' דלא קאמר אברכה אמילתים דלעיל ומיחזי כמוליתו לבטלה : משה . גדול הדור : שפיר קאמרת . בנחמיה : אסוקי מלתא . היאיל וכונתו לגמור לית לן בה : לא בני . דתלה ברכה במנהג אלא ברכה שלאחריו : עובר . קודם : ויעבור את הכושי . קדמו לרוץ לפניו :

מת לברך אחריו יברך . אמר אביי לא שנו אלא לאחריו אבל לפניו מצוה לברך דאמר רב יהודה אמר שמואל כל המצות כולן מברך עליהן עובר לעשייתן ומאי משמע דהאי עובר לישנא דאקדומי הוא אמר רב נחמן בר יצחק דכתיב (ש"ב יח) וירץ אחימעץ דרך הככר ויעבור את הכושי אביי אמר מהכא (בראשית לג) והוא עבר לפניהם ואבע"א מהכא (מיכה ב) ויעבור מלכם לפניהם וה' בראשם :

תניא

באנען ווייסען מיר אז מען הערט איז גלייך וויא מען זאגט אליין . פרעגט די גמרא טאמער דער נאך וויא שפן האט גילייענט דעם ספר . האט יאשיהו אליין אויך גילייענט דעם ספר . האט רב אחא בר יעקב גזאגט עס קען ניט זיין אזוי . ווארום עס שטייט אין פסוק חולדה הנביאה האט גזאגט אויף יאשיהו וייל דוא האסט אויך הארץ אונ ביסט אונטערטעניג גווארען פאר גאט ווען דוא האסט גיהערט די רייד פון דעם ספר . ווען דו האסט גיהערט . אונ ניט ווען דוא האסט גילייענט . רבא זאגט אמענטש זאל ניט זאגן ברוך הבא . אונ אפ רוהען אווייליע . אונ דער נאך דעם זאגן בשם יי . נאר ער זאל זאגן צו זאמען אין איין מאהל ברוך הבא בשם יי . האט רב ספרא גזאגט צו רבא דוא ביסט דאך דער גרעסטער פון דור (אזוי וויא משה רבינו איז גיוועזן אין זיין צייט דער גרעסטער פון דורו) . זאגסטו רעכט גוט . נאר ער מעג אפ רוהען אווייליע אין מיטען . ווארום מען ווייס אז דער בשם יי גיהערט צום ברוך הבא . גלייך ווי ער וואלט גזאגט בעזאמען ברוך הבא בשם יי . נאך האט רבא גזאגט אמענטש זאל ניט זאגן יהא שמיה רבא . אונ אפ רוהען אווייליע . אונ דער נאך דעם זאגן מברך נאר ער זאל זאגן יהא שמיה רבא מברך צו זאמען אין איין מאהל . האט רב ספרא גזאגט צו רבא דוא ביסט דאך דער גרעסטער פון דור (אזוי ווי משה רבינו איז גיוועזן אין זיין צייט דער גרעסטער פון דורו) . זאגסטו רעכט גוט . נאר ער מעג אפ רוהען אווייליע אין מיטען . ווארום מען ווייס אז דער ווארט מברך גיהער צום יהא שמיה רבא . גלייך וויא ער וואלט גזאגט בעזאמען יהא שמיה רבא מברך :

מת לברך . וואו דער מנהג איז מען זאל זאגן אברכה נאך הלל . מוז מען זאגן אברכה נאך הלל . אביי זאגט ווען האבין מיר גילערנט אז די ברכה פון הלל וועט זיך אן מנהג . נאר די ברכה וואס נאך הלל . אבער פאר הלל איז אמצוה צו זאגן אברכה . ווארום רב יהודה האט גזאגט פון שמואל וועגן אלע מצות דארף מען מאכען אויף זיי אברכה עובר לעשייתן . פריער איידער מען טוהט זיי . פון וואנען ווייסען מיר אז עובר איז טייטש פריער . האט רב נחמן בר יצחק גזאגט ווארום עס שטייט אין פסוק אחימעץ איז גילאפען דורך דעם פלאץ . ויעבור את הכושי . אונ ער איז גילאפען פריער פר דעם כושי . אביי זאגט פון דעם פסוק והוא עבר לפניהם . ער איז גיגאנגען פאר אוים פאר זיי . אנדערע זאגן פון דעם פסוק ויעבור מלכם לפניהם וה' בראשם . זייער מלך איז גיגאנגען פאר זיי . אונ גאט איז גיגאנגען צוא ערשט נאך פריער :

שמיך ליה וכי תמכרו ממכר. ודרשינן סמוכין שבשביל עונשה של שביעית הבא לידי כך:
מ"ג למה ליה למיתר שלקחו באלף זוז להודיעך כמה מצות חביבות עליהם:
חייב בלולב. לחנכו מדבריהם: לשמור תפילין. שלא יכנס בהם לבית הכסא:

(ד' מ ע"ב) **ט תניא** א"ר יוסי בר' חנינא בוא וראה כמה קשה אבקה של שביעית וכו' אדם נושא ונותן בפירות שביעית לסוף מוכר את מטלטליו ואת כליו שנאמר (ויקרא כה) בשנת היובל הזאת תשובו איש אל אחוזתו וסמיך ליה (שם) וכי תמכרו ממכר לעמיתך וגו':

(ד' מא) **י מנא** לן דעבדינן זכר למקדש א"ר יוחנן דאמר קרא (ירמיה ל) כי אעלה ארוכה לך וממכותיך ארפאך נאם ה' כי נדחה קראו לך ציון היא דורש אין לה מכלל דבעי דרישה

(מ"ט) **יא מעשה** בר"ג ורבי יהושע ורבי אלעזר בן עזריה ור' עקיבא שהיו באין בספינה ולא היה לולב אלא לר"ג בלבד שלקחו באלף זוז נטלו ר"ג ויצא בו וכו' ונתנו לראב"ע במתנה נטלו וכו' והחזירו לר"ג וכו' למה ליה למיתר שלקחו באלף זוז להודיעך כמה מצות חביבות עליהן:

(ד' מב) **יב קטן** היודע לנענע. ת"ר קטן היודע לנענע חייב בלולב להתעטף חייב בציצית לשמור תפילין אביו לוקח לו תפילין יודע לדבר אביו מלמדו תורה

---

**ט** תניא: מיר האבען געלערנט רבי יוסי ברבי חנינא זאגט קום אונ זעה ווי שווער איז די שטויב פון שביעית. דאס מיינט מען דיא קלענסטע עבירה פון שמטה. אז אמענטש האנדילט מיט די פירות וואס וואקסט אום שמטה. ווערט ער אזוי ארעם אז ער מוז פאר קויפען אלע זאכען אונ אלע כלים וואס ער הט אין שטוב. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אין דעם יאהר וואס איז יובל וועט זיך יעדער צוריק קערין צו זיינע פעלדער אונ צו זיינע הייזער באלד דער נאך שטייט אין פסוק אז איר וועט פאר קויפען אפארקויפונג צו דיין חבר. צו ווייזען אבער אז ער וועט ניט היטען דיא דינים פון שמטה אונ יובל וועט ער מוזען אלץ פאר קויפען:

**י** מנא לן. פון וואנען ווייסען מיר אז מען דארף מאכען אנדיינקונג צום בית המקדש. האט רבי יוחנן גזאגט עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט איך וועל אויף ברייגען אהיילונג צו דיר אונ פון דיינע מכות וועל איך דיך היילין: ווארום מען הט דיך גירופען די פאר שטויסענע. ציון האט ניט קיין פארשער. וויא האט ניט קיינעם ווער עס זאל פרעגען אויף איר וואס זיא מאכט. ווייל דער פסוק קלאגט ציון האט ניט ווער עס זאל אויף איר פרעגען. געווים ווייל דאך גאט אז מען זאל גידיינקען אן ציון אונ מען זאל פרעגען אויף איר:

**יא** מעשה. עס האט אמאהל גיטראפען רבן גמליאל אונ רבי יהושע אונ רבי אלעזר בן עזריה אונ רבי עקיבא זענען גיפארען אין אשיף. אונ קיינער האט ניט גיהאט קיין לולב נאר רבן גמליאל אליין האט גיהאט אלולב וואס ער האט איהם גיקויפט פאר טוזענד גילדין. האט פריער רבן גמליאל גימאכט אברכה אויף דעם לולב. דער נאך האט ער איהם גישענקט צו רבי יהושע. רבי יהושע האט איהם גישיינקט צו רבי אלעזר. רבי אלעזר האט איהם גישיינקט צו רבי עקיבא. רבי עקיבא האט איהם צוריק גיגעבין צו רבן גמליאל. פרעגט דיא גמרא צו וואס דער ציילט מען אז רבן גמליאל הט גיקויפט דעם לולב פאר טוזענד גילדין. צו ווייזען וויא ליב זיי האבען גיהאט די מצות:

**יב** קטן. די רבנן האבין גילערנט אז דער קינד ווייס וויא צו שאקלען מיט דעם לולב מוז ער שאקלען לולב. אז ער ווייס ווי אן צו טאהן ציצית. מוז ער אן טאהן ציצית. אז ער ווייס צו היטען דיא תפילין מיט הייליגקייט. מוז דער פאטער איהם קויפען תפילין. אז ער

הייבט

תורה וק"ש תורה מאי היא אמר רב המנונא (דברים לג) תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב ק"ש מאי היא פסוק ראשון:

# לולב וערבה פרק רביעי

(ד' מג ע"ב) **א** א"ל רבא לרב יצחק בריה דרבב"ח בר אוריין תא ואימא לך מלתא מעלייתא דהוה אמר אבוך הא דתנן כל יום מקיפין את המזבח פ"א אותו היום היו מקיפין את המזבח שבע פעמים הכי אמר אבוך משמיה דר' אלעזר בלולב . איתיביה לולב דוחה את השבת בתחלתו וערבה בסופו פעם אחת חל שביעי של ערבה להיות בשבת והביאו מרביות של ערבה מע"ש והניחום בעזרה והכירו בהם בייתוסים ונטלום וכבשום תחת האבנים למחר הכירו בהם עמי הארץ ושמטום מתחת האבנים והביאום הכהנים וזקפום בצידי המזבח לפי שאין בייתוסים מודים שחיבוט ערבה דוחה את השבת אלמא בנטילה היא תיובתא:

בתחלתו . ביו"ט ראשון: וערבה בסופו. בשביעי: מרביות . נטיעות : והכירו בהם בייתוסים . תלמידי בייתוס והם צדוקים ואינם מודים בערבה שאינה מפורשה מן ספרים: וכבשום . העלום כמו בהדי כבשי דרחמנא למה לך במסכת ברכות ור"מ כמו יכבוש עונותינו יכסה כסית כל חטאתם כלה: תחת האבנים. שיודעים הם שהחכמים שלא יטלטלו למחר האבנים: עמי הארץ . שלא היו בקיאים באיסור טלטול והם היו ידם בם בפרושים : והביאום הכהנים וזקפום כו'. אבל ישראל לא היו נכנס בין האולם ולמזבח מדקתני הכא ערבה מגלל דבידים נוטלין אותה ומכניסין ומקיפין בה הכהנים את המזבח בגבוליהם ואע"ג זוקפין אותה:

איתמר

---

הייבט אן צו ריידען . ט ז דער פאטער איהם לערנען תורה אונ קריאת שמע . וואס מיינט מען תורה האט רב המנונא גזאגט . דעם פסוק תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב . וואס מיינט מען קריאת שמע . דעם ערשטין פסוק שמע ישראל יי אלהינו יי אחד

## פרק רביעי

**א** אמר . רבא האט גזאגט צו רב יצחק דער זוהן פון רבה בר בר חנה . למדן . קום איך וועל דיר זאגין אגוטע זאך וואס דיין פאטער האט גזאגט . דאס וואס מיר האבין גילערונט אין דער משנה אלע טאג סוכות איז מען גינאנגען ארום מזבח נאר איין מאהל . אונ דעם טאג והושענא רבה איז מען גינאנגען ארום מזבח זיבען מאהל . אזוי האט דיין פאטער גזאגט פון רבי אלעזרם וועגין מיט דעם לולב איז מען גינאנגען ארום מזבח . זאגט דיא גמרא איך וועל דיך פרעגין אקשיא . מיר האבין אזוי גילערונט . דער לולב שטויסט אוועק שבת דעם ערשטין טאג סוכות . אויב דער ערשטער טאג סוכות איז שבת מעג מען נעמען דעם לולב . אונ די ערבה שטויסט אוועק שבת דעם לעצטין טאג סוכות . אויב דער זיבעטער טאג סוכות והושענא רבה איז שבת מעג מען נעמען דיא ערבות . אמאהל איז גיפאלען דער זיבעטער טאג סוכות והושענא רבה אום שבת . האט מען גיבראכט ערב שבת צווייגין ערבות אונ מען האט זיי גילייגט אין די עזרה . האבען די בייתוסים (די אפיקורסים) גיזעהן די ערבות ליגען אין די עזרה . האבען זיי גינומען די ערבות אונ האבען זיי בעהאלטין אונטער די שטיינער וואס זענען גילעגין אין די עזרה . ווייל דיא אפיקורסים האבין געוואוסט אז דיא רבנן אסרין צו האלטען שטיינער אום שבת . וועט מען דאך ניט קענען אראפ נעמען דיא שטיינער פון די ערבות אום שבת . וועלין די רבנן ניט האבין קיין ערבות אום שבת . האבן די פראסטע מענטשין גיזעהן אז די ערבות ליגען אונטער די שטיינער . אונ זיי האבין ניט גיוואוסט אז מען טאר ניט האלטין שטיינער אום שבת . האבין זיי ארויס גינומען די ערבות פון אונטער די שטיינער . אונ די כהנים האבען גינומען די ערבות אונ האבין זייא גישטעלט ארום מזבח . פאר וואס האבען די בייתוסים בעהאלטין דיא ערבות . ווייל זייא זענען ניט מודה אז קלאפין (שאקלען) די ערבות והושענות זאל אוועק שטויסין שבת . זעהן מיר דאך אז

די

(ד' מד) **ב איתמר** ר' יוחנן וריב"ל חד אמר ערבה יסוד נביאים וחד אמר ערבה מנהג נביאים תסתיים דר"י הוא דאמר יסוד נביאים דא"ר אבהו אר"י ערבה יסוד נביאים הוא תסתיים:

(סס ע"ב) **ג אמר** אייבו הוה קאימנא קמיה דר' אלעזר בר' צדוק אתא ההוא גברא א"ל קריתא אית לי כרמי אית לי זיתיא אית לי ואתו בני קריתא ומקשקשין בכרמיא ואוכלין בזיתיא אריך או לא אריך א"ל לא אריך הוה קא שביק ליה ואזיל אמר כדו הויתי דייר בארעא הדא ארבעין שנין ולא חמיתי בר אינש מהלך באורחין דמתקנן כדין הדר ואתא א"ל ומאי איעבד א"ל אפקר זיתיא לחשוכיא והב פריטיא לקשקושי כרמיא:

**ד אמר** (אביי) [אייבו] משום ר' אלעזר בר' צדוק אל יהלך אדם בע"ש יותר מג' פרסאות אמר רב כהנא לא אמרן אלא לביתיה אבל לאושפיזא אמאי דנקיט סמיך וא"ד אמר רב כהנא לא נצרכה אלא אפילו לביתיה

**פירש"י**

**יסוד נביאים** תקנת נביאים הגי זכריה שהיו מתקנים תקנת ישראל כשבני כוה"ג: **מנהג**. הנהיגו את העם ולא תקנום להם נפקא מינה דלא בעיא ברכה, דליכא למימר וצונו דאפילו בכלל לא תסור ליתא:

**קריתא** אית לי: כפרים **ומשבין**: **ומקשקשין** בכרמיה. עודרין את הכרמים בבקיעות: **ואוכלין** בזיתיא. בשכר חפירת הכרמים והינם מפקירין לעניים: **אריך** או לא אריך. טוב לעשות כן או לא אריך לשון דבר הגון ונעזרא יב לנו דומה וערות מלכא לא אריך לנא למחזי: א"ל לא אריך. לפי שאתה סובע פעולתם מפירות שביעית והתורה אמרה לאכלה ולא לכתובה אלא הקשקוש מותר כדלקמן: **אמר**. ר"א בר צדוק: **כדו** הויתי דייר. ככר עברו מ' שנה שאני דר בארץ הזאת: ולא **חמיתי** בר אינש. לא ראיתי בן אדם: **דמהלך** באורחן דמתקנן כדין. במהלך בדרך ישר כזה כאדם זה: **אפקר** זיתיא לחשוכיא. לעניים: **והב** פריטיא. ותן פרוטות מכיסך לקשקש הכרמים: **לא יהלך** וכו'. אלא ישכים לו מבעוד יום גדול ויכין לו סעודת שבת: **אלא לביתיה**. שהולך

---

די כהנים האבין גינומען די ערבות אונ האבין זיי גישאקלט אונ זענען גיגאנגען מיט דיא ערבות ארום מזבח (אלע טאג סוכות איין מאהל אונ הושענא רבה זיבען מאהל) דער נאך האבין זיי גישטעלט די ערבות ארום מזבח. אזוי האבין זיי גיטאהן אלע טאג סוכות מיט די ערבה. אבער ניט מיט דעם לולב. בלייבט אקשיא אויף רבי אלעזר:

**ב** איתמר. מיר האבין גילערונט רבי יוחנן אונ רבי יהושע בן לוי קריגען. איינער זאגט די ערבות (הושענות) וואס מען נעמט הושענא רבה איז אתקנה פון די נביאים. אונ איינער זאגט דאס איז נאר אמנהג פון די נביאים. זאגט די גמרא דער וואס זאגט אז ערבות איז אתקנה פון דיא נביאים. דאס איז רבי יוחנן. ווארום רבי אבהו האט גיזאגט פון רבי יוחנ׳ס וועגין די ערבות וואס מען נעמט הושענא רבה איז אתקנה פון די נביאים:

**ג** אמר. אייבו האט גיזאגט איך בין אמאהל גישטאנען פאר רבי אלעזר ברבי צדוק איז גיקומען פאר איהם אמענטש. אונ האט אזוי גיזאגט צו רבי אלעזר. איך האב דערפער. אונ האב ווייןגערטנער. איך האב אייל ביימער. אונ די מענטשין פון די דערפער קומען אונ גראבין אין שמטה ארום די ווינשטאקין. אונ פאר זייער ארבעט עסין זיי דיא איילבירטען. אונ זענען זיי ניט מפקיר פאר אלע מענטשין. איז גוט אזוי אדער עס איז ניט גוט. (זאל מען אזוי טאהן אדער ניין) האט רבי אלעזר גיזאגט צו איהם עס איז ניט גוט אזוי. איז דער מענטש אוועק גיגאנגען. האט רבי אלעזר גיזאגט איך וואהן שוין אין די לאנד פערציג יאר אונ האב נאך ניט גיזעהן אמענטש זאל גיין אין אזוי אפרומען וועג ווי דער מענטש גייט. דער וויל איז דער מענטש צוריק גיקומען פאר רבי אלעזר. אונ זאגט צו איהם וואס זאל איך טאהן. האט רבי אלעזר צו איהם גיזאגט זיי מפקיר די איילבירטען פאר ארעמע לייט. אונ דו זאלסט בצאהלין פון דיין אייגענע געלט צו די מענטשין פאר זייער ארבעט וואס זיי האבין גיגראבין ארום די ווינשטאקין:

**ד** אמר. אייבו האט גיזאגט פון רבי אלעזר ברבי צדוק׳ס וועגין אמענטש זאל ניט גיין ערב שבת אין וועג מער ווי דריי מייל. נאר ווען עס ווערט נאך זיין גרויסער טאג זאל ער זיך שטעלין אין אשטוב האלטען שבת. מען זאל קענען אנבריטין פון זיינעטוועגין עסין אויף שבת. רב כהנא זאגט דאס איז נאר אז ער גייט ערב שבת צו זיך אהיים אונ זיינע שטוב מענטשין

ווייס׳ן

לביתיה אמר רב כהנא כדידי הוה עובדא ואפילו כסא דהרסנא לא אשכחי :

(ד' מכ) **ה אמר** רבי אבהו א"ר אלעזר כל (המקיים) [הנוטל] לולב באגודו והדס בעבותו מעלה עליו הכתוב כאלו בנה מזבח והקריב עליו קרבן שנאמר (תהלים קיח) אסרו חג בעבותים עד קרנות המזבח . (א"ר יוחנן הכחוזי משום ר' יוסי המחוזי) [א"ר ירמיה משום רשב"י ור' יוחנן משום ר"ש המחוזי משום ר' יוחנן המכותי] כל העושה איסור לחג באכילה ובשתיה מעלה עליו הכתוב כאלו בנה מזבח והקריב עליו קרבן שנאמר אסרו חג בעבותים עד קרנות המזבח :

לביתיה והם אינם יודעים שיגלהו ואינם מכינים לצרכו והוא כועס עליהם : אבל לאושפיזיה נ"מ דנקיט סמיך . אינו סומך על בני הבית ומביא עמו סעודתו ועל מה שבידו נסמך : אפילו לביתו . דשם שמואל אם מוצא את רב שלו כואת אעפ"כ לא יסלק וכ"ש לאושפיזיה שלא ימצא כלום : דהרסנא . סעודה מועטת דגים קטנים מטוגנים בקמח בשומן שלהן :

אסרו . אגדו של לולב : בעבותים . בהדס שהוא עבות ג' על ג' כמין קליעה : עד קרנות . כאילו לכם כמתן דמים בקרנות המזבח : איסור לחג . אגידה לחג : באכילה ושתיה . שקורין לחג עונג במאכל ומשתה וי"א יום שלאחר החג : בעבותים . בהמות עבות ושמנות :

כל המצות . כגון קרשי המשכן ועמודיו ולולב וערבה והדס : דרך גדילתן . כשהקן לעמם

**ו אמר** (ר') חזקיה א"ר ירמיה ארשב"י כל המצות כולן אין אדם יוצא בהן אלא דרך גדילתן שנאמר (שמות כו) עצי שטים עומדים תנ"ה עצי שטים עומדים

---

זייסין ניט אז ער וועט קומען אויף שבת אהיים זאל ער וועהן אויב ער וועט קענען קומען פריא אהיים עס וועט נאך צייט זיין א צו גרייטין פון זיינעט וועגין עסין אויף שבת זאל ער קומען אהיים אבער אז ער וועהט ער וועט קומען אהיים שפעט מען וועט גאר ניט קענען אן גרייטין פון זיינעט וועגין . זאל ער האלטען שבת אין וועג . ווארום אז ער וועט קומען אהיים וועט זיין קריג אין דער היים ווייל עס וועט ניט זיין צו עסין . אבער אז ער דארף קומען אין אנאסט הויז אויף שבת מעג ער קומען אפילו ערב שבת שפעט פארין נאכט . ווארום ער טראכט וועט זיין אין גאסט הויז פאר איהם וואס צו עסין איז גוט . אונ אויב ניט וועט ער עסין דאס זייניגע וואס ער האט ביי זיך . אנדערע זאגין אזוי האט רב כהנא גזאגט אמענטש טאר ניט קומען ערב שבת שפעט פארין נאכט אין אגאסט הויז . טאמער האט ער ביי זיך ניט וואס צו עסין אונ אין גאסט הויז וועט ער אויך ניט בעקומען צו עסין אונ אפילו צו זיך אהיים זאל ער אויך ניט קומען ערב שבת שפעט פארין נאכט . רב כהנא האט גזאגט מיך אליין האט גיטראפין איך בין אמאל גיקומען פון וועג צו מיר אהיים ערב שבת פארין נאכט . האב איך אפילו קליינע פישלאך אויך ניט גיטראפין :

**ה** אמר . רבי אבהו האט גזאגט פון רבי אלעזרס וועגין דער וואס נעמט סוכות ארולב אגיבונדענעם מיט אהדס וואס ער איז מיט דריי בלעטלאך פון אונטען ביז הויבין . רעכענט אויף איהם דער פסוק גלייך ווי ער וואלט גיבאהט אמזבח אונ וואלט מקריב גיוועזן אויף איהם אקרבן אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אסרו חג בעבותים . איר זאלט בינדען דעם לולב מיט די הדסים אום יום טוב . אום סוכות . איז גלייך ווי איר וואלט געשפריצט די בלוט פון אקרבן אויף די ווינקלען פון מזבח . רבי ירמיה האט גזאגט פון רבי שמעון בן יוחים וועגין אונ רבי יוחנן האט גזאגט פון רבי שמעון המחוזים וועגין אונ פון רבי יוחנן המכותים וועגין דער וואס מאכט אפארבינדונג צום יום טוב מיט עסין אונ טרינקען ער עסט אונ טרינקט אום יום טוב רעכנט אויף איהם דער פסוק גלייך ווי ער וואלט גיבאהט אמזבח אונ וואלט אויף איהם מקריב גיוועזן אקרבן . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איר זאלט בינדען דעם יום טוב מיט פעטע בהמות . איר זאלט זיי שעכטין אויף יום טוב פאר אייך צו עסין . וועט דס זיין גלייך ווי איר וואלט זיי גישאכטין צום מזבח אונ די בלוט וואלט איר געשפריצט אויף די ווינקלען פון מזבח :

**ו** אמר חזקיה האט גזאגט רבי ירמיה האט גזאגט פון רבי שמעון בן יוחים וועגין אלע מצות מוז אמענטש האלטען אזוי ווי זיי וואקסען . למשל דעם לולב דעם הדס דיא ערבה . די ברעטער אונ די זיילין פון משכן . דארף מען שטעלין אונ האלטען אזוי ווי זיא וואקסען

די

עומדים שמעמידין דרך גדילתן דבר אחר עוג ים שמעמידין את ציפויין דבר אחר עומדין שמא תאמר אבד סברן ובטל סבויין ת"ל עצי שטים עומדים שעומדים לעולם ולעולמי עולמים :

**ז אמר** (ר') חזקיה א"ר ירמיה משום רשב"י (סס) יכולני לפטור כל העולם כלו מן הדין מיום שנבראתי ועד עכשיו ואלמלא אלעזר בני עמי מיום שנברא העולם ועד עכשיו ואלמלא יותם בן עוזיהו עמנו מיום שנברא העולם ועד העולם . ואמר (ר') חזקיה א"ר ירמיה משום רשב"י ראיתי בני עליה והם מועטים אם אלף הם אני ובני מהם אם מאה הם אני ובני מהם אם שנים הם אני ובני הם ומי זוטרי כולי האי והאמר (מר [רבא] תמני סרי אלפי (פרסי) [דרא] הוו (בדרא) קמיה דקב"ה שנא' (יחזקאל מה) סביב שמונה עשר אלף לא קשיא הא דמסתכלי באספקלריא המאירה הא דמסתכלי

**פירוש**

יהבינן למעלה · שמעמידין את נסויין . שכלפי של זה . קבוע נקן במסמרות של זהב דכתיב ואת נקב"ים תלפם זהב ולא היה עוצה עם ארון כמדם שיעמוד מאליו : אבד סברן . מסגגו אהל איעד נשם לו עולמית : סבויין . חותלחם ומכסם כדמתרגמינן הבט את יסחכי :

לפטור . בזכותי אני סובל כל מעשיהם ועונותיהם ופוטרן מן הדין (ויכולני לקבל עלי בכרם מדין וכיותי : אלמלא אלעזר בני . הפן עמי לבבול : מיום יכו' . אלמלא כתו אלו וגם במקומות הרבה משמע כמו לולי) : יותם בן עוזיהו . צדיק היה ועניו יותר מאלר מלכים וזכה בכבוד אב (ואם) ועליו כ"מר בן יכבד אב שכל הימים שהיה אביו מלורע וכוא היה שופט על הארץ כדכתיב ויותם בנו שופט וגו' לא נטל עליו כתר בם מלכות בחייו (ולאחר שמת כתיב וימלוך בנו תחתיו) וכל הדינים שהיה דן אמרן בשם אביו : ועד העולם . עד סיכלה העולם : (ראיתי כלומר נתהי נבי לעיין בעסקי) בני עליה והן מועטין רואה אני לפי מעשה הבריות שבני עליה כה שמקבלין פני השכינה מועטין הם : סביב שמונה עשר אלף היתה דקרא ה' שמה העי"ם דבירושלים בגעתיד לבא כתיב קדא דרשינן ליה נמי להכי למקום השכינה שהם סובבין אותו י"ח אלף והם הצדיקים שהם נסאים לשנים ממלאכי השרת שנאמר כעת יאמר ג יעקב ישראל מה פעל אל ואומר כי לעומדים לפני ה' יהיה מתרה ואומר והיו עיניך רואות את מוריך . אספקלריא מאירה המולגת בגיוס הבכינה : מאירה . כ"ב

---

די אונטערשטע זייט ייזן מען אונ . אובערשטע זייט הייבין . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק עצי שטים עומדים . די ברעטער פון מענען האלץ זענען געשטאנען אזוי ווי זיי זענען געוואקסען . מיר האבען אויך אזוי גילערונט עס שטייט אין פסוק עצי שטים עומדים . דיא ברעטער פון טענען האלץ זאל מען שטעלין אזוי ווי זיי האבין געוואקסען . אדער מיר קענען זאגין עומדין מיינט מען זיי האבען אויף גיהאלטען די גאלד וואס איז געווען בדעקט אויף זיי . אדער מיר קענען זאגין עומדין מיינט מען טאמער וועסטו זאגין אז דער משכן איז בעהאלטען געווארין . איז שוין ניט מעהר קיין אפענונג ער זאל צוריק גיבאהט ווערין . שטייט אין פסוק עצי שטים עומדים דיא ברעטער פון טענען האלץ וואס איז געווען אין משכן . שטייען . זייא שטייען אויף אייביג :

**ז אמר** . חזקיה האט גזאגט רבי ירמיה האט גיזאגט פון רבי שמעון בן יוחים וועגין איך קען בעפרייאן דיא גאנצע וועלט פון דעם דין . פון דעם טאג וואס איך בין געבארען גיווארען ביז איצט . איך וויל טראגין אויף מיר דעם שטראף פון זייערע עבירות . אונ זייא זאלין זיין פטור . אונ אויב מיין זוהן אלעזר וואלט אויך וועלין אויף זיך טראגין דעם שטראף פון דיא עבירות . וואלטין מיר געקענט פטרין די גאנצע וועלט פון זייערע עבירות . פון דער צייט וואס די וועלט איז בשאפען געווארין ביז איצט : אונ ווען יותם בן עוזיהו וואלט אויך וועלין אויף זיך טראגין דעם שטראף פון די עבירות וואלטין מיר געקענט פטרין דיא גאנצע וועלט פון זייערע עבירות פון דער צייט וואס די וועלט איז בשאפען געווארין ביז די וועלט וועט זיך אויס לאזין . נאך האט גיזאגט חזקיה . רבי ירמיה האט גיזאגט פון רבי שמעון בן יוחים וועגין איך האב גיזעהן אז דיא מענטשין וואס וועלין אויף גן עדן זעהן דיא שכינה זענען ווייניג אויב זייא זענען טויזענד . בין איך מיט מיין זוהן פון די טויזענד . אויב זיי זענען נאר הונדערט . בין איך מיט מיין זוהן פון די הונדערט . אויב זיי זענען נאר צוויי . בין איך מיט מיין זוהן . פרעגט די גמרא זענען דען אזוי ווייניג דיא מענטשין וואס וועלין זעהן דיא שכינה . רבא האט דאך גיזאגט אכטצעהן טויזענד שורות מענטשין זענען פאר גאט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ארום גאט זענען אכטצעהן טויזענד . זאגט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא . די מענטשין וואס קוקען אן גאט דורך די ליכטיגע וואנט זענען ווייניג . אונ דיא מענטשין וואס קוקען צו גאט דורך

ומסתכלי באספקלריא שאינה מאירה והמסתכל באספקלריא המאירה מי זוטרי כולי האי (אם שנים הם אני ובני הם) והאמר אביי לא פחות עלמא מתלתין ושיתא צדיקי דמקבלי פני שכינה כל יומא שנאמר (ישעיה ל) אשרי כל חוכי לו ל״ו בגימטריא תלתין ושיתא הוו לא קשיא הא דעיילי בבר הא דעיילי בלא בר:

(שם מה) ח משנה בכל יום מקיפין את המזבח פעם אחת ואומרים אנא ה׳ הושיעה נא · אנא ה׳ הושיעה נא ר׳ יהודה אומר אני והו הושיעה נא (אני והו הושיעה נא) ואותו היום מקיפין את המזבח ז׳ פעמים בשעת פטירתן מה הם אומרים יופי לך מזבח יופי לך מזבח ר״א (בן יעקב) אומר ליה ולך מזבח ליה ולך מזבח:

גמ׳ (שם ע״ב) והא קא משתף שם שמים ודבר אחר ותניא (אמר רשב״י) כל המשתף ש״ש ודבר אחר נעקר מן העולם שנאמר (שמות כב) בלתי לה׳ לבדו הכי קאמרי ליה אנו מודים ולך אנו מקלסים ליה אנו מודים ולך אנו משבחים:

(דף מו) ט אמר רבי זירא ואי תימא ר׳ חנינא בר פפא בוא וראה שלא כמדת הקב״ה מדת

**פירוש**

כ״כ כמראה זה שרואין בה ויש צדיקים שאין מאירה להן כ״כ ואינן יכולין לראות ממש: אשרי כל חוכי לו. המחכים לה׳ שהוא כמנין לו: בבר. ברשות: דעייל בלא בר. בלא רשות הם מועטין ובהנהו קאמר אם שנים הם אני ובני הם:

אני והו. בגמטריא אנא ה׳ ועוד מע״ב שמות הן הנקובים בג׳ מקראות הסמוכים בפרשת ויהי בשלח ויסע מלאך ויבא בין מחנה מצרים ויט משה ושלשתן בני ע״ב אותיות ומהם יוצא שם המפורש אות ראשונה של פסוק ראשון והאחרונה של אמצעי והראשונה של אחרון וכן בסדר הזה כולן בשם הראשון והו והי״ו של ויסע ה״א דבא שנילם וא״ו דויט ושם הל״ו הוא אני אל״ף דמאחריהם נו״ן דהענן בחשבון שלמטה ויו״ד דרוח קדים: יופי לך. היופי הזה אנו עושין לך שאתה מכפר עלינו: ליה ולך. אנו עושין הכבוד הזה: ליה אנו מודים. שהוא אדון עלינו: ולך אנו משבחין. שאתה הביא [לפניו ומכפר] עלינו: מודים. לאו לשון סוד אלא לשון הודה שאנו מודים בו ולא כופרים:

---

די טונקעלע וואנט זענען פיל פרעגט די גמרא אונ די מענטשן וואס קוקן צו גאט דורך די ליכטיגע וואנט זענען אזוי ווייניג נאמער נאר צוויי. אביי האט דאך געזאגט אין דער וועלט איז ניטא ווייניגער ווי זעקס אונ דרייסיג צדיקים וואס זעהן דעם פנים פון גאט אלע טאג. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אשרי כל חוכי לו. וואוהל צו די מענטשן וואס האפן זיי זאלן זיין אין די מחנה צדיקים וואס זייער צאל איז וויא דער ווארט לו. לו בטרעפט זעקס אונ דרייסיג. זאגט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא. די מענטשן וואס גייען אריין מיט רשות. זייא מוזען פריער פרעגן אויב זיי זאלען אריין קומען פאר גאט. די זענען ניט ווייניגער וויא זעקס אונ דרייסיג. אונ די וואס גייען אריין פאר גאט אום גיפרעגט קען זיין עס איז צאהל ניט מער דא נאר צווייא:

ח משנה. בכל אלע טאג סוכות איז מען געגאנגען ארום מזבח נאר איין מאהל. אונ מען האט געזאגט אנא יי הושיעה נא אנא יי הושיעה נא. רבי יהודה זאגט מען האט געזאגט אני והו הושיעה נא. אונ דעם זיבעטען טאג סוכות והושענא רבה איז מען געגאנגען ארום מזבח זיבען מאהל. ווען זיי זענען אוועק געגאנגען פון מזבח וואס האפן זיי געזאגט. יופי לך מזבח. יופי לך מזבח. די שיינקייט האבן מיר געטאהן צו דיר מזבח ווייל דו בּיסט מכפר אונזערע עבירות. צוויי מאהל האבען זיי אזוי געזאגט. רבי אליעזר זאגט אזוי האבען זיי געזאגט ליה ולך מזבח ליה ולך מזבח. דעם כבוד האבען מיר געטאהן צו גאט אונ צוא דיר מזבח. צוויי מאהל האבען זיי אזוי געזאגט. פרעגט די גמרא ער פאר גלייכט דאך דעם נאמען פון גאט מיט נאך אזאך מיט דעם מזבח. ער זאגט צו גאט אונ צום מזבח. אונ מיר האבען גילערנט דער וואס פאר גלייכט דעם נאמען פון גאט צו נאמען מיט נאך אזאך. ווערט ער אויס געריסען פון דער וועלט. ווארום עס שטייט אין פסוק בלתי לה׳ לבדו. נאר צו גאט אליין. ענטפערט די גמרא אזוי האבען זיי געזאגט. ליה אנו מודים. צו גאט זענען מיר מודה. אז ער איז אגאט איבער די גאנצע וועלט. ולך מזבח אונ צו דיר מזבח לויבן מיר. אזוי האבען זיי געזאגט צוויי מאהל:

ט אמר. רבי זירא האט געזאגט אונ אנדערע זאגין רבי חנינא בר פפא האט געזאגט. קום

אונ

מדת ב"ו מדה ב"ו כלי ריקן (שם ע"ב) מחזיק בלא אינו מחזיק מדת הקב"ה כלי מלא מחזיק ריקן אינו מחזיק שנאמר (דברים כח) והיה אם שמוע תשמע וגו' אם שמע תשמע ואם לאו לא תשמע. דבר אחר אם שמוע בישן תשמע בחדש ואם יפנה לבבך שוב לא תשמע:

(דף מח) י **משנה** ניסוך המים כיצד צלוחית של זהב מחזקת ג' לוגין היה ממלא אותה ממי השלוח הגיעו לשער המים תקעו והריעו ותקעו. עלה בכבש ופנה לשמאלו ושני ספלין של כסף היו שם ר' יהודה אומר של סיד היו אלא שהיו מושחרין פניהם מפני היין ומנוקבין (ע"ב) כמין שני חוטמין דקין אחד

מחזיק. מה שנותנין לתוכו: מלא אינו מחזיק: מה שמוסיף עליו: (מדה הקב"ה אדם מלא. החכם מחזיקו וממלאו ביותר שמוסיף בו דעת): אם שמוע תשמע. אם הורגלת לשמוע תשמע תוכל ללמוד ולהוסיף: ואם לאו. שלא הטית אזן לשמוע: לא תשמע. לאחר זמן לא יספיקו בידך: ד"א אם שמוע בישן מחזר על תלמודך שלמדת: תשמע בחדש. תתחכם בו להבין דברים חדשים מתוך דברים ישנים: ואם יפנה לבבך. ולא תשמע ותטית דעתך מאחר למדת ישן: שוב לא תשמע. תדע כי כשתהפך לעסוק בתורה לא תשמע לא תתחכם בה: בישן. כימי נערותך: בחדש. מכאן ואילך:
ממי השלוח. מעין הוא סמוך לירושלים: מחזקת ג' לוגין. דהוו שיעור שמנסכים ברביעית הכין לכבש: שער המים. אחד משערי עזרה נקרא כן על שם שבו מכניסין צלוחית של מים של ניסוך החג: תקעו והריעו. משום שמחה דכתיב ושאבתם מים בששון: עלה בכבש. שהיה בדרומו של מזבח: ופנה לשמאלו. שהנסכים נעשים בקרן מערבית דרומית וכשהוא פונה לשמאלו היה כלפי הסובב: שהיו משחירין פניהם. ודומים לכסף כשהוא שחור מן כסיו: כמין ב' חוטמין דקים. חוטם אחד בספל וקבוע אחד בחוטמו וככה מעלה המים כפי הספלים והנסכים מקלחין ויורדין דרך החוטמין

---

אונ זעה אז די מדה פון אמענטש איז ניט אזוי ווי די מדה פון גאט. ביי א מענטשן איז אז ער האט אליידיגע כלי קען ער אין איר אריין גיסען משקה אדער וואסער ביז פול. אבער אז ער האט א פולע כלי קען ער אין גאר ניט אריין גיסען אפילו איין איינציגען טראפען. ביי גאט איז ניט אזוי. אז ער האט א פולע כלי. ואז ער האט א מענטשן מיט פיל חכמה. גיט אים גאט נאך מער חכמה אבער דער מענטש וואס איז ליידיג פון חכמה. גיט איהם גאט ניט קיין חכמה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק והיה אם שמוע תשמע. אויב דוא האסט גיהערט תורה אונ חכמה ואין דיין יוגענד) וועסטו ווייטער אויך הערין תורה אונ חכמה. אונ אויב דו האסט ניט גיהערט תורה אונ חכמה ואין דיין יוגענד). וועסטו אויף דיין עלטער שוין ניט הערין תורה, אונ חכמה. נאך אזא מיינט דער פסוק. אויב דוא וועסט הערין די אלטע. דוא וועסט חזרין וואס דו האסט שוין גילערנט פון לאנג. וועסטו קענען הערין די נייע. וועסטו פאר שטיין צו לערנען נייע תורה אונ חכמה וואס דו האסט נאך ניט גילערנט. אונ אויב דיין הארץ וועט אפ קערין פון די תורה וואס דו האסט שוין גילערנט. דוא וועסט זיא ניט חזרין. וועסטו ניט קענען לערנען קיין נייע תורה:

י משנה. ניסוך. ווי אזוי האט מען גיגאסען די וואסער אויף דעם מזבח אום סוכות. מען האט גינומען א גאלדענעם קריגול וואס האלט דריי לוגין (קווארט) אונ מען האט אן גישעפט א פולען קריגול וואסער פון דעם קוואל שלוח. אונ מען איז גיקומען מיט דעם קריגול וואסער צום טויער פון די עזרה וואס ער הייסט שער המים. האט מען גיבלאזין תקיעה תרועה תקיעה. אונ דער כהן איז ארויף גיגאנגען מיט דעם קריגול וואסער אויף דיא ברעט וואס איז גיווען אן גישפארט אויף דעם מזבח אונ וויא ער איז גיקומען אויף דעם מזבח האט ער זיך גיקערט צו די לינקע זייט. דאס איז צום ווינקעל מערב דרום. אונ אין דעם ווינקעל איז גיווען צוויי זילבערנע בעקינס. רבי יהודה זאגט די בעקינס זענען גיווע פון וואפנע. נאר וייל זיי זענען גיווען שווארץ פון ווין האבען זיי אויס גיזעה, וויא זילבער. וואס זילבער איז טינקעלער ווי וואפנע. אין יעדער בעקן איז גיווען גימאכט אזוי ווי אנאז. אונ אין יעדער באז איין לאך. אונ דער כהן האט גיגאסען אין איין בעקן וויין ערב טאג. אונ אין אנדערין בעקן האט ער גיגאסען וואסער אום סכות אונ די וויין אונ די וואסער זענען גיגאנגען דורך די לעכער אויף דעם מזבח. אונ אין מזבח איז גיווען אלאך ביז צום אפגרונד. אין דער לאך איז אריין גיגאסען גיווארין די וויין מיט די וואסער. די לאך פון די וויין איז גיווען ברייט. אונ

אחד מעובה ואחד דק כדי שיהו שניהם כלין כאחד מערבית של מים ומזרחית של יין . עירה של מים וכו' ילמנסך אומר לו הגבה את ידך שפעם א' ניסך א' ע"ג רגליו ורגמוהו כל העם באתרוגיהן :

גמ' הנהו תרי מיני חד שמיה ששון וחד שמיה שמחה א"ל ששון לשמחה אנא עדיפנא מינך דכתיב ששון ושמחה ישיגו א"ל שמחה לששון וכו' א"ל ששון לשמחה חד יומא שבקוך ושוויך פרוונקא דכתיב כי בשמחה תצאו א"ל שמחה לששון חד יומא שבקוך וכלו בך מיא דכתיב ושאבתם מים בששון . א"ל ההוא מין דשמיה ששון לר' אבהו עתידיתו דתמלו לי מיא לעלמא דאתי דכתיב ושאבתם מים בששון א"ל אי הוה כתיב לששון כדקאמרת השתא דכתיב בששון משכיה דההוא גברא משוינן ליה גודא ומלינן ביה מיא תני רבי יהודה בן בתירא אומר נאמר בשני ונסכיהם בששי ונסכיה בשביעי

ב הוטמין ע"ג המזבח וכמזבח היה נקב כבי כמים וכיין יורדין לשיתין כבם הגולים ועמוקים מאד : להד מעובה וכו' . להד מהנקבים מעובה שהוא של יין : ולהד דק . שהוא של מים : כדי שיהו שניהם כלים בבת אחת . כדמפרש בגמ' שבמים ממהרים לצאת נפיכך צריך שיהא הנקב דק : הד יומא שבקוך . יפקיעך מן השמים : פרוונקא . רץ לרוץ לפניו : בשמחה תצאו . שהולא ירמיה הדרכים : גולה . וגו' :

די לאך פון די וואסער איז געוועזן דין . אונ אום סוכות האט איין כהן געגאסען וויין אונ איין כהן האט געגאסען וואסער . אונ ביידע האבען אן געהויבען גלייך צו גיסען . אונ די וויין מיט די וואסער זענען אראפ געגאסען געווארין ביידע גלייך מיט איין מאהל . אונ וויל וואסער גיסט זיך געשווינטער ווי וויין . דריבער איז די לאך פון די וואסער געוועזן דינער ווי די לאך פון דיא וויין . דער בעקן וואס איז געשטאנען צו מערב זייט . אין איהם האט מען געגאסען די וואסער . אונ דער בעקן וואס איז געשטאנען צו מזרח זייט אין איהם האט מען געגאסען די וויין . אונ דיא מענטשען וואס זענען דארטין געשטאנען האבען גזאגט צו דעם וואס גיסט דיא וואסער הייב אויף דיין האנט מיר ווילען זעהן וויא דו גיסט די וואסער אין בעקין . ווארום אמאהל איז געשטאנען אכהן אאפיקורוס האט ער געגאסען דיא וואסער אויף זיינע פיס ניט אין בעקין . האבען דאס גאנצע פאלק איהם בעווארפין מיט אתרוגים ביז מען הט איהם גיהרגט :

גמרא הנהו . עס זענען אמאל געוועזן צוויא מענטשען אפיקורסים איינער האט געהייסען ששון אונ איינער האט געהייסען שמחה . האט ששון גיזאגט צו שמחה איך בין בעסער ווי דו ווארום עס שטייט אין פסוק ששון ושמחה ישיגו . ביא דיא יודין וועט זיין ששון אונ שמחה . פריער ששון דער נאך שמחה . דער נאך האט ששון גיזאגט צו שמחה עס וועט אמאל קומען אטאג וואס נאט וועט דיר הייסען דו זאלסט לויפען פאראויס פאר די יודין דו זאלסט זייא וויזען דעם וועג . ווארום עס שטייט אין פסוק כי בשמחה תצאו . איר וועט ארויס גיין פון גלות מיט שמחה . שמחה וועט אייך ווייזען די וועג . האט שמחה גיזאגט צו ששון עס וועט אמאל קומען אטאג וואס מען וועט פון דיר אראפ ציהען די הויט . אונ מען וועט מאכין פון דיין הויט אזוי ווי אזאק . אונ מען וועט אין איר אן גיסען וואסער . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ושאבתם מים בששון . איהר וועט אן שעפין וואסער אין ששון . אמאל האט דר אפיקורוס וואס הייסט ששון גזאגט צו רבי אבהו אז משיח וועט קומען וועט איר מוזין שעפין וואסער פון מיינעטוועגין : ווארום עס שטייט אין פסוק ושאבתם מים בששון . איר וועט שעפין וואסער פאר ששו,ם וועגין . האט רבי אבהו גזאגט צו ששון אז עס וואלט געשטאנען ושאבתם מים לששון . איר וועט שעפין וואסער צו ששון . וואלט טאקי דער פסוק גימיינט אזוי וויא דוא זאגסט . מען וועט שעפין וואסער פון דיינעטוועגין . אבער אז עס שטייט ושאבתם מים בששון . איר וועט שעפין וואסער אין ששון . מיינט אזוי דער פסוק מען וועט אראפ ציהען דיין הויט אונ מען וועט מאכען פון איר אלאגיל ואזאק . אונ מען וועט אין איר אן גיסען פול וואסער . מיר האבען גילערנט רבי יהודה בן בתירה זאגט ביי דעם אנדערין טאג סוכות שטייט ונסכיהם . ביי דעם זעקסטין טאג שטייט ונסכיה . איז די י' איבעריג . איז די ם איבעריג .

כיו

בשביעי כמשפטם מ"ם יו"ד מ"ם הרי כאן מים מכאן רמז לניסוך המים מן התורה:

(דף מט) **יא אמר** רבי יוחנן שיתין מששת ימי בראשית נבראו שנאמר (שה"ש ז) חמוקי ירכיך כמו חלאים מעשה ידי אמן חמוקי ירכיך אלו השיתין כמו חלאים שמחוללין ויורדין עד התהום מעשה ידי אמן מעשה ידי אומנתו של הקב"ה. תנא דבי רבי ישמעאל בראשית אל תקרי בראשית אלא ברא שית תניא ר' יוסי אומר שיתין כחוללין ויורדין עד התהום (ועליהם כרה דוד י"ו אלף אמה) שנאמר (ישעיה ה) אשירה נא לידידי וגו' ויעזקהו ויסקלהו ויטעהו שורק ויבן מגדל בתוכו וגם יקב חצב בו ויטעהו שורק זה ב"ה ויבן מגדל בתוכו זה מזבח וגם יקב חצב בו אלו שיתין:

(שם ע"ב) **יב אמר** ר"ל בזמן שמנסכין יין ע"ג המזבח פוקקין את השיתין לקיים מה

ר

**פירוש** **שיתין**: חלל שתחת המזבח כנגד מקום הנסכים: חמוקי. כתבי לבון חמק עבר נכתר ומכסה ממני ובן עד מתי תתחמקין תכתבי ממני שלא נושה לקרב אלא מפני שמעלת בי לף כאן חמוקי ירכיך כמסותרין כירך מזבח: כמו חלאים. כמו הלול. מעשה ידי אמן. זה הקב"ה שהוא אומן לבריאת העולם מעשה ידי אומנתו של הקב"ה: כרה דוד וכו' נ"ג ליה בתוספתא וה"ג ל"ג ליה דמכאן דלית ליה בכרה דוד לית ליה מששית ימי בראשית נבראו: לידידי. הקב"ה בשבילו אני מעורר ומקימו אני לקבול על זאת שירת דודי לכרמו על כרמו (ישראל) כרם היה לידידי בקרן בן שמן צא"י הוא זוית המנה מכל הארצות: ויעזקהו. כנה נהם עריס כלונות מוקפות אלהים וכריה כטבעת זו דמתרגמינן עזקא: ויסקלהו. כלהם המפנה אבנים מכרמו כלומר פינה האומות מפניהם שלא יבנו בארצם פן יהטילו אותם: ויטעהו שורק. נטען גפנים משובחות לא זמורה אלא ערבים עלמן זה בית המקדש שהוא שרבם ועיקרם שהוא מתכפרים לפני המקום: ויבן מגדל בתוכו זה מזבח. העשוי כמגדל (והיה להם למגדל) עוז: וגם יקב חצב בו. כאותו מגדל יקב הוא בור לפני וכן עד יקבי המלך בית שיתא דמלכא לשין שיתין ומערה:

**פוקקין** את השיתין. את נקב שבראש המזבח

---

ביי דעם זיבעטין טאג שטייט במשפטם. איז אויך דיא מ איבעריג. מ"ם יו"ד מ"ם. מאכט מים. וואסער. פון דאנען ווייסען מיר אז אום סוכות דארף מען גיסען וואסער אויף דעם מזבח:

**יא** אמר. רבי יוחנן האט גזאגט די גרוב וואס אונטער דעם מזבח וואס אין איר ווערט אריין גיגאסען די ויין אונ די וואסער פון מזבח: דאס איז בשאפען גיווארין אין דיא ערשטע זעקס טעג וואס די וועלט איז בשאפען גיווארין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק חמוקי ירכיך כמו חלאים מעשה ידי אמן. חמוקי ירכיך מיינט מען די פאר בארגענע גרוב וואס אין זייט פון מזבח. כמו חלאים מיינט מען. די גרוב איז גילעכערט ביז צום אבגרונד. מעשה ידי אמן. מיינט מען. די גרוב איז גימאכט גיווארין פון גאט וואס ער איז דער בעל מלאכה פון דר וועלט. מיר האבן גלערנט דבי רבי ישמעאל זאגין אין אנהייב תורה שטייט בראשית. זאלסט ניט לייענען בראשית. נאר ברא שית. גאט האט בשאפען די גרוב וואס אונטער דעם מזבח. מיר האבען גילערנט רבי יוסי זאגט די גרוב וואס אונטער דעם מזבח איז גיוועזן גילעכערט ביז צום אבגרונד. ווארום עס שטייט אין פסוק איך וועל זינגען פאר מיין פריינד ודאס מיינט מען גאט] דער נאך שטייט ווייטער אין פסוק מיין פריינד [גאט] האט גיהאט איין גארטען. ודס מיינט מען די יודען ער האט גימאכט אוואנט ארום דעם ווייגארטען. ודיא פעסטע שטעט מיט די מאהערין וואס ארום די שטעט. די יודין זאלען וואוהנען זיכער אונ רוהיג. דס מיינט מען גאט האט ארויס גינומען די אלע פעלקער וואס צווישען זיי. ויטעהו שורק. אונ ער הט גיפלאנצט צווישען זיי אבוים מיט ווארצלען. דאס מיינט מען דעם בית המקדש. ויבן מגדל בתוכו. אונ ער האט גיבאהט אטארעם אין בית המקדש. דאס מיינט מען דעם מזבח. וגם יקב חצב בו. את אין דעם מזבח האט ער אוים גיהאקט אקעלטער [אגרוב]. דאס מיינט מען די גרוב וואס אונטער דעם מזבח. וואס אין איר איז אריין גיגאסען גיווארין די ויין אונ דיא וואסער פון מזבח:

**יב** אמר. ריש לקיש. האט גזאגט ווען מען האט גיגאסען די ווין אין דעם בעקין וואס אויף דעם מזבח. האט מען פאר שטאפט די לאך פון די גרוב. די ויין זאל פר שפרייט

ווערין

שנאמר (במדבר כח) בקודש הסך נסך שכר לה' מאי משמע א"ר פפא שכר לשון שתיה לשון שביעה לשון שכרות אמר רב פפא שמע מינה כי שבע איניש חמרא מגרוניה שבע אמר רבא צורבא מרבנן דלא נפישא ליה חמרא ליגמע גמועי רבא אכסא דברכתא אגמע גמועי:

יג דרש רבא מ"ר (שה"ש ז) מה יפו פעמיך בנעלים מה יפו פעמותיהן של ישראל בשעה שעולין לרגל בת נדיב בתו של אברהם אבינו שנקרא נדיב שנאמר (תהלים מז) נדיבי עמים נאספו עם אלהי אברהם אלהי אברהם ולא אלהי יצחק ויעקב אלא אלהי אברהם שהיה תחלה לגרים (דרש) [תנא דבי] רב ענן [מ"ד] (שה"ש ז) (מה יפו פעמיך בנעלים וגו') חמוקי ירכיך כמו חלאים מעשה ידי אמן למה נמשלו ד"ת לירך לומר לך מה ירך בסתר אף ד"ת בסתר והיינו דא"ר אלעזר מער (מיכה ו) הגיד לך אדם מה טוב ומה ה' דורש ממך כי אם עשות משפט ואהבת חסד והצנע

שהנסכים יורדין בו לשיתין שירדה פיך שלא כנגדן מלא ושבע : שכר לשון שכרות ושמחה ושיכרה : מגרוניה שבע. ע"י ששותה בלגימות גסות וגרון מלא היא משביע ולא ע"י שתיה מרובה שמכניס הרבה יין במעיו ע"י לגימות דקות והיא כאוכלין שאינם שבע אלא ע"י מילוי הכרס : לגמא גמועי. בלגימות גסות : מגמעי ליה גמועי. דרך שתיה מים תוך מלות : בנעלים. בעליית רגלים : נדיב. שנדבו לבו להכיר את בוראו ההלה לגרים : בנדבם לבו להתגייר : למה נמשלו וכו'. רב ענן דריש לקרא בלוחות : כמו חלאים: שהיו מתנאים טובות כמו וחלי כתם : מעשה ידי אמן. בלוחות מעשה אלהים המה : חמוקי ירכיך. שהסתרים כיון שכבוד התורה בצנעה ולא להיות יושב ושונה בגובה של עיר ולא להגות לתלמידים

---

ווערין אין דעם בעקין. צו מקיים זיין וואס עס שטייט אין פסוק בקדש הסך נסך שכר ליי'. וואס מיינט דער פסוק. האט רב פפא גיזאגט שכר מיינט מען טרינקען. שכר מיינט מען זאט ווערין. שכר מיינט מען שכור ווערין. אונ אז דיא וויין בלייבט אין בעקין זעהט אוים ווי דער בעקין טרינקט זיך אן זאט צום שכור ווערין פון די וויין. דער נאך האט מען גיעפינט די לאך איז די וויין ארוים פון בעקין אין די גרוב אריין. רב פפא האט גיזאגט פון דאנען ווייסען מיר אז אמענטש וויל זאט ווערין מיט וויין זאל ער טאהן גרויסע זופן ער זאל האבען מיט איין מאהל פיל וויין אין האלדז. רבא זאגט דער תלמיד חכם וואס האט ניט פיל וויין זאל ער טאהן גרויסע זופן וועט ער הנאה האבען פון דעם ביסול וויין. רבא אז ער האט גיבענטשט אדער גימאכט קידוש אויף אכוס וויין. האט ער גיטאהן מיט איין מאהל אגרויסען זופ. ער זאל הנאה האבען פון דער מצוה:

יג דרש. רבא האט גידרשת וואס מיינט דער פסוק מה יפו פעמיך בנעלים. וויא שיין זענען דיינע טריט אין די שיך. ווי שיין זענען גיוועזן די טריט פון די יודען ווען זייא זענען אויף גיגאנגען אין ירושלים אויף יום טוב. בת נדיב. די טאכטער פון אברהם אבינו ווס ער הייסט נדיב. דער בווילינגטער. וואס זיין הארץ האט איהם בווילינגט צוא דינען גאט אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נדיבי עמים נאספו עם אלהי אברהם. די בווילינגטע פעלקער האבען זיך פאר זאמלט. די פאלק פון דעם גאט פון אברהם: פרעגט די גמרא איז ער דען נאר דער גאט פון אברהם אונ ניט דער גאט פון יצחק אונ יעקב. נאר ער ווערט גירופען דער גאט פון אברהם וויל אברהם איז גיוועזן דער ערשטער וואס האט זיך מגייר גיוועזן צו דינען גאט. דבי רב ענן האט גילערונט עס שטייט אין פסוק חמוקי ירכיך כמו חלאים מעשה ידי אמן. פאר וואס איז גענגליכען די תורה צו איהרע ניי שטיק פוס פון די קניא. ביז צים בויך הייסט ירך. צו זאגן דיר אזוי ווי דער ירך איז פאר בארגן אזוי זאל זיין דיא תורה אויך פאר בארגן. אמענטש זאל לערנען תורה אין דער שטיל. ביי זיך אין שטוב אדער אין בית המדרש אבער ניט אויף דיא גאס אלע זאלין זעהן. וואס מער ער קען פאר בארגן זיין תורה לערנען בעסער איז. ודער פסוק מיינט אזוי. חמוקי ירכיך. די תורה וואס זיא דארף זיין פאר בארגן אזוי ווי דער ירך. כמו חלאים. וואס די לוחות זענען גיוועזן געשריבען אויף טייערע שטיינער. מעשה ידי אמן. וואס דער בעל מלאכה (גאט) האט זיי גימאכט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק והלוחות מעשה אלהים המה. די לוחות האט גאט גימאכט. דאס איז אזוי וויא רבי אליעזר האט גזאגט. עס שטייט אין פסוק אמענטש האט דיר אמאהל גזאגט וואס גוט איז. אונ וואס גאט

פארשט

לכת עם אלהיך . עשות משפט זה דין . ואהבת חסד זו גמילות חסדים . והצנע לכת עם אלהיך זו הכנסת כלה והלוית המת . והלא דבריו ק"ו ומה דברים שדרכן לעשות בפרהסיא אמרה תורה הצנע לכת דברים שדרכן לעשות בצנעה עאכ"ו :

**יד אמר** רבי [אלעזר] גדול העושה צדקה יותר מכל הקרבנות שנאמר (משלי כא) עשה צדקה ומשפט נבחר לה' מזבח . א"ר אלעזר גדולה גמילות חסדים יותר מן הצדקה שנאמר (הושע י) זרעו לכם לצדקה קצרו לפי חסד אם אדם זורע ספק אוכל ספק אינו אוכל אדם קוצר ודאי אוכל . וא"ר אלעזר אין הצדקה משתלמת אלא לפי גמילות חסדים שבה שנאמר זרעו לכם לצדקה קצרו לפי חסד :

תנו

**כשוק** כדאמרינן במועד קטן : זו הכנסת כלה והוצאת מת . דכתיב בהו לכת עם אלהיך אל בית אבל מלכת אל בית משתה לפי שם צריך הצנע (לספוד) [לספוד] במדה כלה ובשחוק ולשמוח במדה כלה ולא לנהוג קלות ראש בעצמו י"ל אם צריך לכנוס להוצאת מת עני או להוצאת כלה עניה יעשה בצנעה ולא לימא קמי מאן דלא ידע דעבדי כן וכן מסורס בהלכות דרב אחאי : דברים שדרכן לעשות בצנעה . כגון (צער) צדקה הניתנת לעני בסתר שאין צריך להודיע לשום אדם מאח"כ בכלה ובמת לפי שהרים מהעסקים בהן ויודעין כולהו מכל מי וכיונו דאמר רבי אלעזר דכל מילי בעי צניעותא והוא הדין לדברי תורה :
**נבחר** לה' מזבח . הכל בכלל זבח חטאת ואשם ועולה ושלמים כולם זבח הם : שנאמר זרעו לכם לצדקה . קרא כתוב זריעה לצדקה ואת החסד קרא קציר וטובה קצירה מזריעה כשמספר אדם זרע וכו' : ספק אינו אוכל . שמא לא יצמחו או ילקה בשדפון וכו' : אלא לפי גמילות חסדים

---

פארשט ופערלאנגט פון דיר . נאר דוא זאלסט טאהן משפט נים גנבנן נים גזלנן . עס זאל ביי דיר נים זיין פרעמדע געלט . אונ דו זאלסט ליב האבען חסד . דו זאלסט טאהן טובות צו אלע מענטשין . אונ דו זאלסט גיין בעהאלטען מיט גאט . אז דוא האסט גיגעבין אנדבה פאר ארעמע כלה . אדער אויף תכריכין פאר אמת . זאל קיינער נים וויסען . דיא כלה אדער דער מת זאלין נים פאר שעמט ווערין . איז דאך אקל וחומר . מא דאך די זאכען וואס מענטשין מוזין וויסען . למשל אז ער גיט אנדבה פאר ארעמע כלה . אדער פאר אמת . דיא מענטשין וועם גייען צו זאמען געמען די נדבות וויסען דאך ווער עס גיט אונ ווי פיל יעדער גיט . פון דעסטוועגין הט די תורה אונ די נביאו גזאגט דער מענטש זאל טאהן אין דער שטיל . ער זאל זעהן צו געבין זיין נדבה אז קיינער זאל נים וויסען . די זאכען וואס מען קען טאהן אין דער שטיל . תורה לערנען אדער אנדערע גוטע מדות . דארף דאך געוויס דער מענטש זעהן דאס זאל גיטאהן ווערין אין דער שטיל :

**יד אמר** . רבי אלעזר האט גזאגט צו טאהן צדקה איז בעסער וויא מקריב צוא זיין קרבנות . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק צו טאהן צדקה אונ משפט איז בעסער ביי גאט וויא קרבנות . רבי אלעזר האט גזאגט גמילות חסדים איז גרעסער ווי צדקה . ווארום עס שטייט אין פסוק איר זאלט זייען צדקה אונ שניידין חסד . אונ שניידין תבואה איז בעסער וויא זייען תבואה . ווארום אז אמענטש זייט תבואה ווייס ער נאך נים אויב ער וועט עסין פון זייא . טאמער וועט קאליע ווערין די תבואה אין פעלד . אבער אז ער שניידט שוין די תבואה וועט ער געוויס עסין פון זיי . נאך האט רבי אלעזר גזאגט דיא צדקה ווערט נאר בצאהלט נאך דעם חסד וואס עס איז גיוועז אין די צדקה . למשל אז איינער האט גיטראגען אארעם מאן אין גאס אונ האט איהם גיגעבין צדקה . אדער דער ארעם מאן איז גיקומען צום בעל הבית אהיים אונ דער בעל הבית האט איהם גיגעבין צדקה . איז דער שכר נים אזוי גרויס . וויא אז דער בעל הבית גייט אליין צום ארעם מאן אהיים . אונ גיט איהם צדקה . אדער דער בעל הבית זעהט דער ארעם מאן זאל האבען אקלייד און צו טאהן . אונ צו עסין אין דער צייט . איז דער שכר נאך גרעסער . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איר זאלט זייען צדקה . וצדקה געבין איז אזוי ווי מען פר זייט תבואה . מען ווארפט התבואה אין דער ערד . וייל מען גלויבט עס וועט מער וואקסען . אזוי גיט מען געלט דעם ארעם מאן . ווייל מען גלויבט גאט וועט מער בצאהלין . אונ איר וועט שניידין דעם שכר פון די צדקה . נאך דעם חסד וואס איר האט גיטאהן אין די צדקה :

תנו

**טו תנו** רבנן בשלשה דברים גדולה גמילות חסדים יותר מן הצדקה. שהצדקה בממונו גמילות חסדים בין בממונו בין בגופו . צדקה לעניים גמילות חסדים בין לעניים בין לעשירים . צדקה לחיים גמילות חסדים בין לחיים בין למתים . א"ר אלעזר כל העושה צדקה ומשפט כאלו מלאו לעולם כלו חסד שנאמר (תהלים לג) אוהב צדקה ומשפט חסד ה' מלאה הארץ . שמא תאמר כל הבא לקפוץ קופץ ת"ל (שם לו) מה יקר חסדך אלהים יכול אפי' ירא שמים כן ת"ל (שם קג) וחסד ה' מעולם ועד עולם על יראיו . וא"ר א"ר מ"ד (משלי לא) פיה פתחה בחכמה ותורת חסד על לשונה וכי יש תורה של חסד ויש תורה שאינה של חסד אלא תורה לשמה זו היא תורה של חסד תורה שלא לשמה זו היא תורה שאינה של חסד א"ד תורה ללמדה זו היא תורה של חסד שלא ללמדה זו היא תורה שאינה של חסד :

(ד' י) **טז תניא** כסכנת יש בו משום גלוי א"ר נחמיה איכתי בזמן שהתחתונה מגולה אבל

בגופו. שהצדקה אינה אלא בממון וגמילות חסד כגון מלוה לחבירו או טורח שטורח לו לצרכו כגון שנותן לו פת אפויה או בגד ללבוש או מעות בעת שהתבואה מצויה שלא ילכו מעותיו לאיבוד וזהו חסד שנותן לבו ודעתו לטובתו של עני : לצדקה . הצדקה היא הזריעה שזורע כדי לקצור לקבל שכר : קצרו לפי חסד . שמקבלו השכר לפי החסד שבה : גמילות חסד בין בגופו בין בממונו . כגון מספיד למת מכאן קוברו משמת הרי מלוה את חבירו בדבר : בממונו . מלוה לו מצוה משאילו כלים ובהמה : שמא תאמר כל הבא לקפוץ . ולעשות צדקה וחסד : קופץ . ומספיקין בידו וממציאין לו אנשים מהוגנין לכך : ת"ל מה יקר . צריך לתת לב ולטרוח ולרדוף אחריהם לפי שאינה מצויה תמיד לזכות בה למהוגנין :

יש בו משום גלוי . אם הניחו בלי שמירה כשיעור שהיית גלוי המפורש בכלל שותין כדי שיצא נחש מחורו ויבא וישתה ויחזור לחורו והכורכ

---

**טו** תנו רבנן. די רבנן האבין גילערנט מיט דריי זאכען איז גמילות חסדים גרעסער ווי צדקה. צדקה איז מיט געלט. ער שיינקט געלט צו אארעם מאן. אונ גמילות חסדים איז סיי מיט געלט אונ סיי מיט זיין גוף. ווער פאר בארגט געלט אן פראצענט. אדער ער פר בארגט זיינע כלים. דאס איז גמילות חסדים מיט געלט. מספיד זיין אמת. טראגין איהם. באגראבין איהם. מבקר חולה זיין. דער פרייען חתן כלה. אונ נאך אזעלכע טובות. דאס איז גמילות חסד מיט זיין גוף. צדקה איז נאר אטובה צו אארעם מאן. גמילות חסדים איז אטובה צו ארעמע לייט אונ צו רייכע. צדקה איז נאר צוא לעבעדיגע. אונ גמילות חסדים איז צוא לעבעדיגע אונ צו טויטע. רבי אלעזר האט גזאגט דער וואס טוהט צדקה אונ משפט איז גלייך ווי ער וואלט פול געמאכט די גאנצע וועלט מיט חסדים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער וואס האט ליב צו טאהן צדקה אונ משפט האט ער פול געמאכט די וועלט מיט דעם חסד פון גאט. טאמער וועסטו זאגין ווער עס וויל ארוים שפרינגען אונ טאהן צדקה אונ חסד לאזט מען איהם פון הימעל ער זאל טאהן צדקה אונ חסד צו פרומע מענטשין. שטייט אין פסוק ווי טייער איז דיין חסד גאט. וואלט איך ווערין מיינען אפילו דעם פרומען מענטש קומט אויך שווער אן צו טאהן צדקה אונ חסד. שטייט אין פסוק דער חסד פון גאט איז פון איין וועלט ביז די אנדערע וועלט אויף די מענטשין וואס האבין מורא פאר איהם. נאך האט רבי אלעזר גזאגט וואס מיינט דער פסוק זי האט געעפענט איר מויל מיט חכמה אונ די תורה פון חסד איז אויף איר צונג. איז דען דא תורה פון חסד אונ תורה וואס נית פון חסד. נאר די תורה וואס מען לערנט פון גאטס וועגין. דאס הייסט תורה פון חסד. אונ די תורה וואס מען לערנט נית פון גאטס וועגין דיא תורה איז נית פון חסד. אנדערע זאגין דיא תורה וואס מען לערנט מען זאל איר לערנען מיט אנדערע מענטשין. דאס הייסט תורה פון חסד. אונ דיא תורה וואס מען לערנט נאר פאר זיך. נית מען זאל איר לערנען מיט אנדערע. די תורה איז נית פון חסד :

**טז** תניא. מיר האבען גילערנט אז איינער האט אריין גיגאסען וואסער אין אנייער. די וואסער זאל דורך גיזייט ווערין אין די כלי וואס שטייט אונטער דעם זייער. אויב די וואסער איז גיווען אפ גידעקט טאר מען זיי נית טרינקען. ווארום מיר האבען מורא טאמער האט אשלאנג גיטרונקען פון די וואסער איז דער גיפט נעבליבען אין די וואסער. זאגט רבי נחמיה דאס

אבל בזמן שהתחתונה מכוסה אע"פ שהעליונה מגולה אין בה משום גלוי כפני שארס נחש דומה לספוג צף ועומד במקומו:

בפחים: בפחזוקה. כלי פסחזין: משבת ימי בראשית. דאמרן לעיל סיהין נבראו מז' ימי בראשית לקבל הנסכים: כחל סיר פ' והחצוצרות וע"י כלי דוד. אלמא כלי דוד ב"ר

## החליל פרק חמישי

(ע"ב) **א איתמר** רב יהודה ורב עינא חד תני שואבה וחד תני חשובה אמר מר זוטרא מאן דתני שואבה לא משתבש דכתיב (ישעיה יב) ושאבתם מים בששון ומאן דתני חשובה לא משתבש דאר"נ מצוה חשובה היא ובאה מששת ימי בראשית: (ד' נא) מ"ט דמ"ד עיקר שירה בכלי דכתיב (ד"ה ב כ"ט) ויאמר חזקיהו להעלות העולה להמזבח ובעת החל העולה החל שיר ה' וחהצוצרות וע"י כלי דויד מלך ישראל מ"ט דמ"ד עיקר שירה בפה דכתיב (שם ה) ויהי כאחד למחצצרים ולמשוררים להשמיע קול אחד ואידך נמי הכתיב ויאמר חזקיהו ה"ק החל שיר ה' בפה ע"י כלי דוד מלך ישראל לבסומי

---

דאס איז גאר אז די כלי וואס אונטער דעם זייער איז גיוועזן אפ גידעקט. טאר מען ניט טרינקען די וואסער: טאמער האט דער שלאנג גיטרונקען פון דיא גיזייטע וואסער אונ איננוויניג איז געבליבען דער גיפט. אבער אז די אונטערשטע כלי איז גיוועזן בדעקט אפילו די אויבערשטע כלי וואס מען גיסט פון איר די וואסער אין זייער. אונ דער זייער זענען גיוועזן אפ גידעקט. פון דעסטוועגין מעג מען טרינקען די וואסער. ווייל דער גיפט פון שלאנג איז געדיכט אזוי וויא אשוואם אונ שווימט אויף דעם וואסער אונ ער בלייבט שטיין אויף זיין ארט אונ קען ניט דורך גיין דורך דיא לעכלאך פון דעם זייער

## פרק חמישי

**א** איתמר: מיר האבין גילערנט רב יהודה אונ רב עינא קריגען איינער זאגט אין די משנה שטייט שואבה די שמחת השואבה. די פרייד פון דעם וואסער שעפין אונ איינער זאגט אין די משנה שטייט חשובה. די שמחת חשובה. די טייערע פרייד. מר זוטרא האט גיזאגט דער וואס לערנט אין די משנה שואבה די שמחה פון וואסער שעפין איז ניט קיין גרייז. ווארום עס שטייט אין פסוק ושאבתם מים בששון. איר וועט שעפין וואסער מיט פרייד. אונ דער וואס לערנט אין די משנה חשובה. די טייערע פרייד. איז ניט קיין גרייז ווארום רב נחמן האט גיזאגט דאס וואסער גיסען אויף דעם מזבח איז א טייערע מצוה ווארום דיא לאך וואס די וואסער ווערט אין איר אריין גיגאסין. איז בשאפען גיווארין אין די ערשטע זעקס טעג וואס די וועלט איז בשאפען גיווארען. פרעגט די גמרא פר וואס האלט דער תנא אז דער עיקר גיזאנג איז גאר מיט אבלי. ווארום עס שטייט אין פסוק חזקיהו האט גיזאגט מען זאל אויף ברייגען די עולה אויף דעם מזבח. אונ ווען מען האט אנגיהויבען צו מקריב זיין די עולה. האט מען אנגיהויבען צו זינגען דאס גיזאנג פון גאט מיט טרומייטען אונ מיט די כלים פון דוד המלך. זעהן מיר דאך אז דם גיזאנג פון גאט איז מיט כלים. אונ פאר וואס האלט דער אנדערער תנא אז דער עיקר גיזאנג איז נאר מיט דעם מויל. ווארום עס שטייט אין פסוק זיי זענען גיוועזען צו זאמען ווי איינס די טרומייטערער אונ די זינגערס צו מאכען הערין איין קול מיט גיזאנג ווייל די טרומייטען האבען ניט געשפילט. זיי האבין נאר גיבלאזין תקיעה תרועה תקיעה. פרעגט דיא גמרא דער תנא וואס זאגט אז דער עיקר גיזאנג איז מיט דעם מויל. וואס טוהט ער מיט דעם פסוק פון חזקיהו. ענפערט די גמרא אזוי מיינט דער פסוק מען האט אנגיהויבען דאס גיזאנג פון גאט מיט דעם מויל. אונ מיט די כלים פון דוד המלך האט מען געשפילט נאר גישמאקער צו מאכען דעם קול פון גיזאנג. פרעגט די גמרא אונ דער תנא וואס האלט אז דער עיקר גזאנג

אין

לבסומי קלא ואידך נמי הכתיב ויהי כאחד למחצצרים ולמשוררים ה"ק משוררים דומיא דמחצצרים מה מחצצרים בכלי אף משוררים בכלי:

**ב משנה** מי שלא ראה שמחת בית השואבה לא ראה שמחה מימיו:

(ע"ב) **גמ'** תנו רבנן מי שלא ראה שמחת בית השואבה לא ראה שמחה מימיו ומי שלא ראה ירושלים בתפארתה לא ראה כרך נחמד מימיו ומי שלא ראה בית המקדש בבנינו לא ראה בנין מפואר מעולם. מאי היא אמר אביי ואיתימא רב חסדא בנין הורדוס. במאי בניה אמר (אביי) [רבה] באבני שישא ומרמרא א"ד באבני שישא כוחלא ומרמרא אפיק שפא ועייל שפא כי היכי דלקבל סידא סבר למשעייה בדהבא אמרו ליה רבנן שבקיה דהכי שפיר טפי דמתחזי כי אדוותא דימא:

**ג תניא** ר' יהודה אומר מי שלא ראה דיופלוסטון של אלכסנדריא של מצרים לא ראה בכבודן של ישראל מעולם אמרו כמין בסילקי גדולה היתה סטיו לפנים מסטיו פעמים

ה' קרי ליה: למחצצרים ולמשוררים. והכא לא כתיב כלים האמורות אלא כלי שיר מיכן שהן לתקיעות התמידים והמוספים:

בית השואבה. כל שמחה זו אינה אלא בשביל ניסוך המים כדמפרש ושואבים מים בששון: מאי היא. אי זה מן הבנינים של שלמה או של נחמיה בן חכליה או של הורדוס שסתרו ובנאו: מרמרא. שיש לבוע לא לבן ולא שחור אלא כעין ירק הקרתי: שישא. שיש לבן: כוחלא. לבוע ככחול: אפיק שפא. שורה של אבנים נכנסת ושורה יוצאה. כי אדוותא דימא. כגלי ים שהאבנים מבולטים במראיהם זו מזו והעינים המסתכלות בהן סוטטות ונראה כאלו הם גלים מים ונדי"ה:

דיופלוסטין. לשון יוני דיו ב' שלו שרים כמו מטרפולין וכמו דיופלו מרומי דתענית: בסילקי. פלטרין גבוהין נקראין בסילקאות: סטיו. כמין כטיו ב' כטוין כפול ליסיבת שרים של אלכסנדריא שהלכו שם יוחנן בן קרח ושרי החילים לאחר חורבן בית ראשון בימי ירמיה ונתיישבו שם ולסוף שעלה עליהם נבוכדנאצר והחריב את מצרים והרגו מישראל שהלכו שם כמו שנתנבא עליהם ירמיהו

---

איז נאר מיט אבלי וואס טוהט ער מיט דעם פסוק וויא זענען געוועזן צו זאמען וויא איינס דיא טרומייטערער אונ די זינגערס צו מאכען הערין איין קול מיט גיזאנגו. האט מען דאך נאר גיזונגען מיט דעם מויל. ענטפערט די גמרא אזוי מיינט דער פסוק. מען האט גיזונגען אזוי ווי מען האט גיטרומייטערט. אזוי ווי מען האט גיטרומייטערט מיט אבלי (מיט טרומייט) אזוי האט מען גיזונגען אויך ניט מיט דעם מויל נאר מיט כלים (געשפילט):

**ב** משנה. מי. דער וואס האט ניט גיזעהן (שמחת בית השואבה). די שמחה וואס איז גיוועזן אום סוכות ווען מען האט גישעפט די וואסער צו גיסען אויף דעם מזבח. דער האט קיין מאהל ניט גיזעהן קיין שמחה. דיא רבנן האבען גילערונט דער וואס האט ניט גיזעהן שמחת בית השואבה. דער האט קיין מאהל ניט גיזעהן קיין שמחה. אונ דער וואס האט ניט גיזעהן די שטאט ירושלים ווען זיא איז גיוועזן אין איהר שיינקייט. דער האט קיין מאהל ניט גיזעהן קיין שיינע שטאט. אונ דער וואס האט ניט גיזעהן דעם בית המקדש ווען ער איז גיוועזן גיבאהט. דער האט קיין מאהל ניט גיזעהן קיין שיינע הויז. וועלכען בית המקדש מיינט מען. האט אביי גיזאגט אונ אנדערע זאגין רב חסדא האט גיזאגט דאס מיינט מען דעם בית המקדש וואס הורדוס האט גיבאהט. מיט וואס האט ער גיבאהט דעם בית המקדש. האט רבה גיזאגט מיט ווייסע אונ גרינע מארמער שטיינער. אנדערע זאגין ער האט איהם גיבאהט מיט ווייסע אונ רויטע אונ גרינע מארמער שטיינער. איין פראנד שטיינער איז ארויס גיגאנגען אונ איין פראנד שטיינער איז אריין גיגאנגען. די וואפנע זאל זיך האלטען אויף דיא וואנט. הורדוס האט גיוואלט בקלעבין דיא וואנט פון בית המקדש מיט גאלד. האבען דיא רבנן גיזאגט צו הורדוס עס זאל אזוי בלייבין. ווארום אזוי אן גאלד איז שענער. עס זעהט אוים וויא דיא אינדען פון ים:

**ג** תניא. מיר האבען גילערונט רבי יהודה זאגט דער וואס האט ניט גיזעהן די גרויסע הויז (די שוהל) וואס איז גיוועזן גיבאהט אין אלכסנדריא פון מצרים. דער האט נאך קיין מאהל ניט גיזעהן דעם כבוד פון די יודין. מען האט גיזאגט עס איז גיוועזן א גרויסע שטוב (א שוהל). אינוויינג איז גיוועזן בייגק ארום דיא וועגט. אונ פאר די בייגק איז גיוועזן נאך אמאהל בייגק

פעמים שהיו שם ששים רבוא כיוצאי מצרים ואמרי לה כפלים כיוצאי מצרים ושבעים ואחת קתדראות של זהב היו שם כנגד ע"א זקנים וכל אחד ואחד אינה פחותה מכ"ה רבוא דינרי זהב ובימה של עץ בנויה באמצע וחזן הכנסת עומד עליה והסודרין בידו וכיון שהגיע לענות אמן היה מניף בסודרין והם עונין אחריו אמן ולא היו מעורבבין יושבין אלא זהבין בפני עצמן וכספים בפני עצמן ונפחים בפני עצמן וטרסים בפני עצמן ונרדיים בפני עצמן וכשאכסנאי או עני נכנס לשם היה מכיר בני אומנותו ונפנה איעגישו [משום דעברו אהאי קרא] דכתיב (שמות יד) (לא תוסיפו לראותם עוד) (דברים יז) [לא תוסיפון לשוב בדרך הזה עוד] ואינהו הדור ואזיל אתא ואשכחינהו דהוו קרו בסיפרא (דברים כח) ישא ה' עליך גוי מרחוק אמר מכדי ההוא גברא הוא דבעי למיתי בספינה בי' יומין ודלי זיקא ואתי ספינתא

בה'

אלו כניסת של גדולה ועומד עד שהרגם אלכסנדרוס : כנגד ע"א זקנים . שמשו להם בסנהדרין . קתדרי זהב גדולים : בימה . כעין אלמימבר"א שלנו : חזן הכנסת . שמש הצבור : לענות אמן . כשיש ש"ץ מלפני התיבה גומר ברכתו וכן לא היו יכולים כלם לשמוע קולו : אומנים כבשים . צורפי זהב צורפי כסף : נפחים . חרשי ברזל : טרסיים . חרשי נחשת : גרדיים . אורגים : ומפנה להם . ונוהגים להם למלאכתן : הסוף גברא הוא. עליו נאמר מקרא זה ונגזרת עלי' כיא לנהרגים : ודלי זיקא . גבה הרוח :

---

אונ נאך אמאהל בינק . בין דיא שטוב איז געוועזן פול מיט דיא בינק . אמאהל איז געוועזן מענטשין אין די שטוב זעקס מאהל הונדערט טויזענד . אזוי וויא פיעל איז געוועזן ווען מען איז ארויס געגאנגען פון מצרים . אנדערע זאגין אמאהל איז דארט געוועזן מענטשין צווייא מאהל אזוי פיל וויא מען איז געוועזן ווען מען איז ארויס געגאנגען פון מצרים . דאס איז צוועלף מאהל הונדערט טויזענד . אונ דארט איז געוועזן איין אונ זיבעציג שטולען גאלדענע . אויף דיא שטולען זענען געזעסין איין אונ זיבעציג אלטע לייט . די סנהדרין וואס האבען געשפט דאס פאלק . אונ יעדער שטול איז געוועזן געמאכט פון פינף אונ צוואנציג צענטנער גאלד . ניט ווייניגער . אונ אין מיטען שטוב איז געוועזן געמאכט פון האלץ אזוי ווי א קאסטין אהויכער . אויף דעם קאסטין איז געשטאנען דער שמש פון דיא שוהל : אונ ער האט געהאלטין אין האנט א גרויסין שטעקין . אין שטעקין איז געוועזן אריין געשטעקט א גרויסע פאטשיילע אזוי וויא א פאן . אונ אז דער חזן האט געדאווינט פאר דעם עמוד אונ ער האט געזאגט א ברכה . האט מען דאך געדארפט ענפערין אמן . אונ דאס פאלק איז אבער געוועזן אזוי פיל אז מען האט ניט געקענט הערין די ברכה . ווען מען איז געקומען צום ענפערין אמן האט דער שמש אויף געהויבין דיא פאן האבין אלע געזאגט אמן : אונ דיא מענטשין זענען ניט געזעסין אויסגעמישט . נאר גאלד ארבעטער זענען געזעסין בזונדער . זילבער ארבעטער בזונדער . אייזין ארבעטער בזונדער . קופער ארבעטער בזונדער . וועבערס בזונדער . אונ אז א פרעמדער מענטש אדער א ארעם מאן וואס זענען געוועזן ארבעטער זענען אריין געגאנגען אין די שוהל . האט ער באלד דער קענט דיא מענטשין וואס ארבעטין אויך זיין ארבעט . איז ער געגאנגען צו זיי . אונ הט זיך פאר דונגען ביי איינעם פון זיי צו זיין ארבעט . אונ דער בעל הבית זיינער הט שוין געשפייזט אים מיט זיין ווייב אונ קינדער . אביי זאגט אלכסנדרוס מוקדון האט אויס געהרגת די אלע יודען וואס זענען דארט געוועזן . זאגט די גמרא פאר וואס זענען די יודען געשטראפט געווארין מען זאל זיי הרגנן . ווייל זיי האבען עובר געוועזן ניט געהאלטען דעם פסוק . די תורה הט געזאגט צו די יודען איר זאלט אייך ניט צוריק קערין אין דער וועג . איר זאלט ניט גיין צוריק אין מצרים . אונ זיי זענען געקומען אין דיא שטאט אלכסנדריא פון מצרים . זאגט די גמרא ווען אלכסנדר מוקדון איז געקומען צו די יודען אין אלכסנדריא פון מצרים . האט ער געטראפען קינדער לערנען דעם פסוק גאט וועט אויף דיר ברינגען א פאלק פון א ווייטען ארט . האט אלכסנדר מוקדון געזאגט איך האב געדארפט גיין מיט מיין שיף ביז צו דעם ארט צעהן טעג . אונ עס איז געווארין א ווינט אונ ער הט געבראכט די שיף צו

בה' יומי נפל עלייהו וקטלינהו:

(נג ע"א) ד **משנה** במוצאי יו"ט הראשון של חג יורדין לעזרת נשים והיו מתקנים שם תיקון גדול ומנורות של זהב היו שם וד' ספלים של זהב בראשיהם וד' סולמות על כל מנורה ומנורה וד' ילדים מפרחי כהונה ובידיהם כדי שמן של מאה ועשרים לוג והם מטילים לתוך כל ספל וספל מבלאי מכנסי הכהנים ומהמייניהם מהן היו מפקיעין ובהם היו מדליקין ולא היתה חצר בירושלים שלא היתה מאירה מאור בית השואבה חסידים ואנשי מעשה היו מרקדים לפניהם (ע"ב) באבוקות של אור שבידיהם ואומרים לפניהם דברי שירות ותשבחות והלוים בכנורות ובנבלים ובמצלתים בחצוצרות ובכל כלי שיר בלא מספר על ט"ו מעלות היורדות מעזרת ישראל לעזרת נשים כנגד ט"ו שיר המעלות שבספר תהלים שעליהם עומדים הלוים בכלי שיר ואומרים שירה:

יורדין לעזרת נשים. כהנים לוים (וישראלים) יורדין מעזרת ישראל שהיתה גבוה לעזרת נשים שלמטה הימנה בשפוע ההר: ומתקנין שם תיקון גדול. מפרש בגמ': וד' ספלים של זהב בראשיהם. בראש כל מנורה ומנורה: ילדים. בחורים: ובידיהם כדי שמן ומטילים כל אחד בכוזמו: מבלאי מכנסי הכהנים ומהמייניהן מהן מפקיעין. ממכנסי בגדי כהונה הבלויות עשו מהם נרות ומהמייניהם היו עושים: מפקיעים. קורעין לעשות פתילות: שלא היתה מאירה. לפי שהמנורות גבוהות נ' אמה והר הבית היה גבוה והאורה זורחת בכל העיר וכולה כמזרח שהוא לסוף עזרת נשים היה נמוך כדאמר בסדר יומא והמנורות עולין למעלה הימנה: באבוקות של אור. זורקין אותן כלפי מעלה ומקבלין אותן ויש בקיאין לעשות כן בד' או בה' אבוקות וזורק זו ומקבל זו וזורק זו ומקבל זו: דברי תושבחות. בגמרא מפרש להו: ט"ו מעלות. אורך המעלה ברוחב עזרה ורוחב המעלה חצי אמה ורומה חצי אמה כדקאמר במסכת מדות ובסדר יומא: שעליהם עומדים הלוים בשיר. לבמהם בית כמותבה אבל דוכן לשיר הקרבן לא

פינף טעג. בין איך געווים די פאלק וואס די תורה מיינט און נאט וויל איך זאל זיי דהרגנן. איז ער בעפאלען אויף זיי און האט זייא גיהרגת:

ד משנה. במוצאי. וויא עס איז נאר אוועק גיגאנגען דער ערשטער טאג סוכות. באלד דיא אנדערע נאכט סוכות (ביי זייא איז שוין גיוועזן חול המועד) זענען די כהנים און די לוים אריין גיגאנגען אין די עזרה (אין די שטוב) פון די ווייבער. און זיי האבין דארט גימאכט אגרויסע זאך. וועט ווייטער שטיין וואס די זאך איז גיוועזן און דארט זענען גיוועזן גאלדענע לייכטערס. און יעדער לייכטער האט גיהאט פיר רערלאך פון גאלד. און יעדער רער איז גיוועזן גרויס וויא אבעקין. און ביי יעדער לייכטער איז גיוועזן פיר לייטערס. ווארום יעדער לייכטער איז גיוועזן הויך פופציג איילין ביי יעדער רער איז גיוועזן אליטער. און פיר יונגע כהנים זענען ארויף גיגאנגען אויף די פיר לייטערס. יעדער כהן איז ארויף גיגאנגען אויף זיין לייטער. און יעדער כהן האט גיהאלטען אין האנט אקרוג בוימאייל פון דרייסיג קווארט. ופיר מאהל דרייסיג איז הונדערט מיט צוואנציג קווארט). און די דרייסיג קווארט בוימאייל האט יעדער כהן אריין גיגאסין אין זיין בעקין. די אלטע הויזין פון די כהנים און זייערע אלטע גארטלען האט מען צעריסען און מען האט גימאכט פון זיי קנייטלאך אין די בעקינס און מען האט זיי אן גיצונדען. און עס איז נית גיוועזן איין הויף אין ירושלים וואס אין איהם איז נית גיוועזן ליכטיג פון דיא ליכטיגקייט פון שמחת בית השואבה. די חסידים און דיא פרומע מענטשין פלעגין טאנצען ופאר דיא וואס האבען גיטראגען די וואסער) מיט פלאמען פייער אין די הענט ואנדערע האבען גיהאלטען פיר אדער אכט פלאמען פייער אין די הענט. איינס האט ער גיווארפען אין די הייך און האט גיכאפט דאס אנדערע. און ער האט נאך אמאהל גיווארפען איינס אין די הייך און גיהאפט דם אנדערע. און אזוי האבען זיי גיקענט טאהן אלאנגע צייט). און זיי האבען גיזונגען און גילויבט גאט. און די לוים האבען געשפילט מיט אלע כלי זמר וואס איז גיוועזן אין בית המקדש. און זייא זענען גישטאנען אויף די פופצעהן שטיגען (טרעפ) וואס גייט אראפ פון די שטוב וואס די ישראלים שטייען ביז צו די שטוב וואס די ווייבער שטייען. דיא פופצען טרעפ זענען גימאכט גיווארין געגין דיא פופצעהן שיר המעלות וואס שטייט אין תהלים. (מעלות איז טייטש טרעפ). אויף דיא פופצעהן טרעפ זענען גישטאנען די לוים מיט די כלי זמר וועו זיי האבען געשפילט און גיזונגען צו שמחת בית השואבה:

**גמ'** מאי תיקון גדול א"ר אלעזר כאותה ששנינו חלקה היתה בראשונה והקיפוה גזוזטרא כדי שיהו נשים רואות מלמעלה ואנשים מלמטה ת"ר בראשונה היו נשים מבפנים ואנשים מבחוץ והיו באין לידי קלות ראש התקינו שיהו נשים יושבות מבחוץ ואנשים מבפנים ועדיין היו באין לידי קלות ראש התקינו שיהו נשים יושבות מלמעלה ואנשים מלמטה:

(ד' נב) **ה והיכי** עבדי הכי והכתיב (ד"ה א כח) הכל בכתב מיד ה' עלי השכיל אמר רב (יוסף) קרא אשכחו ודרשו (זכריה יב) וספדה הארץ משפחות משפחות לבד משפחת בית דוד לבד ונשיהם לבד וגו' והלא דברים ק"ו ומה לעתיד לבא שהם עוסקים בהספד ואין יצה"ר מתגרה בהם אמרה תורה נשים לבד ואנשים לבד עכשיו שעוסקין בשמחה ויצה"ר מתגרה בהן עאכ"ו:

**ו והאי** הספדא מאי עבידתיה פליגי בה רבי דוסא ורבנן חד אמר על משיח בן יוסף שנהרג וחד אמר על יצר הרע שנהרג בשלמא למ"ד על משיח בן יוסף

במזבח היה: חלקה היתה. עזרת נשים בראשונה ולא היו זזין יוצאין מן הכותלים: והקיפוה גזוזטרא. נתנו זיזי כותלים בולטים מן הכותלים סביב סביב וכל השנה מסדרין הם גזוזטראות לוחים שקורין פלנק"א כדי שיהו נשים עומדות שם בשמחת בית השואבה ורואות והוא תיקון גדול דקתני מתניתין שמתקנים בכל שנה ושנה: מבפנים. בעזרת נשים: מבחוץ. ברחובה של הר הבית ובחיל:
והיכי עבדי הכי. (הקשו בעלי הגמרא על מה שאמרו לעיל שעשו גזוזטראות) והוסיפו ושמו על בנין שלמה: והכתיב. גבי דוד כשמסר את שלמה את מדת הבית ובנינו: הכל בכתב מיד ה' עלי השכיל. כל מלאכת התבנית שהודיעו הקב"ה על ידי גד החוזה ונתן הנביא: קרא אשכחו. צריך להבדיל אנשים מנשים ולעשות גדר בישראל שלא יבאו לידי קלקול: וספדה. בנבואת זכריה ומתנבא לעתיד שיבכו על משיח בן יוסף שנהרג במלחמת גוג וכתיב משפחת בית דוד לבד ונשיהם לבד אלמא' בשעת הספד צריך להבדיל אנשים מנשים: שעוסקין בהספד. שאותה שעה והמצטער אינו מיקל ראשו מאד ועוד שאין יצר הרע שולט כדקאמר קרא והסירותי את לב האבן ולקמן אמרינן שהקב"ה שוחטו לעתיד לבא וכו': כאן שעוסקין בשמחה. קרובה לקלות ראש ועוד שיצה"ר שולט עכשיו לא כ"ש:

---

גמרא. וואס איז געוועזן די גרויסע זאך וואס מען האט געמאכט אין עזרת נשים. האט רבי אלעזר געזאגט אזוי ווי מיר האבען געלערנט די ווענט פון עזרת נשים זענען געמאכט געוואַרין גלאַטע. דער נאך האט מען אַריין געזעצט אין די אַלע ווענט בעלקעס. אונ מען האט געלייגט ברעטער פון איין בעלעק ביז צום אַנדערין בעלעק אַרום אַלע ווענט אונ מען האט געמאכט אַגאַנעק. אונ די ווייבער זענען געשטאַנען הויבין אויף דעם גאַנעק אונ האבען געזעהן די שמחת בית השואבה. אונ אונטען זענען געשטאַנען מאנס לייט:

**ה** והיכי. פרעגט די גמרא ווי אזוי האט מען געמעגט מאכען בעלקעס אַרום די ווענט. עס שטייט דאך אין פסוק דוד המלך האט געזאגט צו זיין זוהן שלמה דער גאַנצער בית המקדש ווי אַזוי ער זאל געבאַהט ווערין האב איך בעקומען געשריבען פון גאט אונ מען האט מיך אַלץ געלערנט מיט חכמה. האט רב יוסף געזאגט זיי האבען געפונען אַפסוק אונ האבען אים גידרשעט אַז ווייבער דארפין זיין אָפּ געשיידט פון מאנסלייט. דריבער האבען זיי געמאכט דעם גאַנעק ווייבער זאלען שטיין הויבין אונ מאנסלייט אונטען. עס שטייט אין פסוק ווען עס וועט זיין די מלחמה פון גוג ומגוג אונ משיח בן יוסף וועט גיהרגת ווערין אין דער מלחמה. וועלין אַלע יידען וויינען יעדער משפחה בזונדער. די משפחה פון דוד בזונדער. אונ זייערע ווייבער בזונדער. איז דאך אַקל וחומר. מאדאך ווען משיח בן יוסף וועט גיהרגת ווערין וואס אַלע מענטשין וועלין וויינען. אונ דער יצר הרע וועט שוין ניט זיין. פון דעסטוועגין האט מען גיזאגט די ווייבער זאלען זיין בזונדער אונ די מאנסלייט בזונדער. איצט ביי שמחת בית השואבה ווס אַלע זענען פריילאך, אונ דער יצר הרע איז נאך אויך דא. איז דאך געוויס אַז די ווייבער דארפין זיין בזונדער אונ די מאנסלייט בזונדער:

**ו** והאי. אויף וועמען וועט זיין דער הספד ווען משיח וועט קומען. אין דעם קריגט רבי דוסא מיט די רבנן. איינער זאגט אויף משיח בן יוסף וואס ער וועט גיהרגת ווערין: אונ איינער זאגט אויף דעם יצר הרע וואס ער וועט גיהרגת ווערין: זאגט די גמרא דער וואס זאגט אַז דער הספד וועט זיין אויף משיח בן יוסף וואס ער וועט גיהרגת ווערין. איז רעכט ווארום

יוסף שנהרג שנאמר (זכריה יב) והביטו אלי את אשר דקרו וספדו עליו כמספד על היחיד והמר עליו כהמר על הבכור. אלא למ"ד על יצה"ר שנהרג הספדא בעו למיעבד שמחה בעו למיעבד אמאי בכו כדדרש ר' יהודה (בר' אלעאי) לעתיד לבא מביאו הקב"ה ליצה"ר ושוחטו בפני הצדיקים ובפני הרשעים צדיקים נדמה להם כהר גבוה רשעים נדמה להם כחוט השערה הללו בוכין והללו בוכין צדיקים בוכין ואומרים היאך יכולנו לכבוש את ההר הגבוה הזה רשעים בוכין ואומרים היאך לא יכולנו לכבוש את חוט השערה הזה ואף הקב"ה תמה עמהם שנאמר (שם ח) כי יפלא בעיני שארית העם הזה וגו' (גם בעיני יפלא). א"ר אסי יצה"ר בתחלה דומה לחוט של בוכיא ולבסוף דומה כעבות העגלה שנאמר (ישעיה ה) הוי מושכי העון בחבלי השוא וכעבות העגלה חטאה:

ז תנו רבנן משיח בן דוד שעתיד להגלות במהרה בימינו אמר לו הקב"ה בני שאל מה אתה מבקש ואני נותן לך שנאמר (תהלים ב) אספרה אל חק ה' אמר אלי בני אתה וגו' שאל ממני ואתנה גוים נחלתך ואחזתך אפסי ארץ כיון שרואה למשיח בן יוסף שנהרג

והביטו אלי את אשר דקרו. יסתכלו בהרוג לפניהם: וספדו עליו כמספד על היחיד. כאדם המספיד על בנו היחיד בבית אב ומת: צדיקים בוכים. שנזכרים שנצטערו בהיה לאט לכבוש את השערה הזה נהייתם וכו': כי יפלא בעיני וגו'. סיפיה דקרא גם בעיני יפלא: של בוכיא. עכביש שקורין אריינ"א: ולבסוף. מגדלם כמכך אחריו מעט מעט ההגבר והולך בו: מושכי העון בחבלי השוא. בתחלה הם מושכין אותן עליהם ע"י חבלים שאינן של כלום: וכעבות העגלה. חבל עבה שקושרין בו את הפרה למחרישה:
אספרה אל חק ה'. הספרה דבר זה להיות נחק ונזכרין: היום ילדתיך. היום הגלה לבריות שאתה בני:

---

ווארום עס שטייט אין פסוק והביטו אלי את אשר דקרו וגו'. זיי וועלין קוקען צו מיר אויף דעם וואס זיי האבען גישטאכען. אונ זיי וועלין קלאגין אויף איהם אזוי ווי מען קלאגט אויף איינציגעם זוהן וואס שטארבט. אונ זיי וועלין ביטערין אויף איהם אזוי ווי מען ביטערט אויף דעם ערשט גיבארענעם קינד (דעם בכור) אז ער שטארבט. נאר דער וואס זאגט אז מען וועט קלאגין אויף דעם יצר הרע וואס ער וועט גיהרגת ווערין: דארף מען דען בארויף קלאגין. מען דארף זיך דאך פריידען. פאר וואס וועט מען וויינען. ענטפערט די גמרא דאס איז אזוי ווי רבי יהודה האט גידרשת. ווען משיח וועט קומען וועט גאט ברייננען דעם יצר הרע אונ וועט איהם שעכטען. פאר די צדיקים אונ פאר די רשעים. ביי די צדיקים וועט דער יצר הרע אויס זעהן ווי אהויכער בארג. אונ ביי דיא רשעים וועט דער יצר הרע אויס זעהן וויא אהאר. די צדיקים וועלין וויינען אונ די רשעים וועלין וויינען. די צדיקים וועלין וויינען אונ וועלין זאגין ווי אזוי האבין מיר גיקענט איין נעמען אזוי אגרויסין בארג. אונ די רשעים וועלין וויינען אונ זאגין פאר וואס האבין מיר ניט גיקענט איין נעמען אזוי אהאר. אונ גאט וועט זיך אויך וואונדערין מיט זיי. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דאס וועט זיין אוואונדער אין דיא אויגין פון די געבליבענע פאלק. אין מיינע אויגין וועט דס אויך זיין אוואונדער. זאגט גאט. רב אסי האט גזאגט דער יצר הרע איז אין אנהייב גלייך ווי אפאדים פון אשפין וועבאכץ. אין אנהייב איז גאנץ גרינג אוועק צו שטויסין דעם יצר הרע. אזוי ווי עס איז גרינג צום צו רייסין אפאדים פון אשפין וועבאכץ. אבער אז דער מענטש הט גאר עטליכע מאהל גיפאלגט דעם יצר הרע. איז שוין שווער אוועק צו שטויסין דעם יצר הרע. אזוי ווי עס איז שווער איבער צו רייסין דעם שטריק פון אוואגין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייא ציהען אויף זיך דיא זינד מיט אדינעם שטריקול. דער נאך ווערט דיא זינד גראב אזוי וויא אשטריק פון אוואגין:

ז תנו רבנן. די רבנן האבין גילערונט משיח בן דוד וואס ער וועט צו אונז קומען געשווינד אין אונזערע טעג. האט גאט גזאגט צו איהם מיין זוהן איך האב דיך אזוי ליב וויא אפאטער האט ליב זיין זוהן. פערלאנג פון מיר וועל איך דיר געבין אלע פעלקער ביז צום עק וועלט. ווי משיח בן דוד וועט זעהן אז משיח בן יוסף איז גיהרגת גיווארין. וועט ער זאגין פאר

אם רעב שונאך. אם רעב יצרך והוא בא לעבירה: האכילהו לחם. הטריחהו במלחמתה של תורה דכתיב לכו לחמו בלחמי: השקהו מים. תורה דכתיב הוי כל צמא לכו למים: ישלימנו לך. ביהא שלם יהא עמך ולאהבך ולא יביאך להטות ולילכד מן הטובה: צפוני. כדמתרגם דצפון בלבו של אדם:

שנהרג אומר לפניו רבש"ע איני מבקש ממך אלא חיים אמר לו הקב"ה עד שלא עמדת כבר התנבא עליך דוד אביך שנאמר (שם כא) חיים שאל ממך נתתה לו:

**ח דרש** רב עוירא ואיתימא ריב"ל שבע שמות יש לו ליצר הרע הקב"ה קראו רע שנאמר (בראשית ח) כי יצר לב האדם רע מנעוריו. משה קראו ערל שנאמר (דברים י) ומלתם את ערלת לבבכם. דוד קראו טמא שנאמר (תהלים נא) לב טהור ברא לי אלהים מכלל דאיכא טמא. שלמה קראו שונא שנאמר (משלי כה) אם רעב שונאך האכילהו לחם ואם צמא השקהו מים כי גחלים אתה חותה על ראשו וה' ישלם לך אל תקרי ישלם לך אלא ישלימנו לך. ישעיהו קראו מכשול שנאמר (ישעיה נז) ואמר סלו סלו פנו דרך הרימו מכשול מדרך עמי. יחזקאל קראו אבן שנאמר (יחזקאל לו) והסירותי את לב האבן מבשרכם. יואל קראו צפוני שנאמר (יואל ב) ואת הצפוני ארחיק מעליכם:

תנו

---

פאר גאט רבונו של עולם איך פערלאנג פון דיר ניט מער נאר לעבין. וועט גאט זאגין צו משיח איידער דו ביסט נאך געבארין געווארין הט שוין אויף דיר נביאות געזאגט דיין פאטער דוד. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דוד המלך הט גזאגט משיח הט געבעטין פון דיר ער זאל לעבין. האסטו אים צו גזאגט אז ער וועט לאנג לעבין:

**ח** דרש. רב עוירא האט גידרשת. אונ אנדערע זאגין רבי יהושע בן לוי האט גיזאגט דער יצר הרע הייסט זיבען נעמען. גאט האט איהם גירופען רע. דער שלעכטער. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק כי יצר לב האדם רע מנעוריו. דער טראכטונג פון די הארץ פון מענטשין איז שלעכט פון דער יוגענד. משה האט איהם גירופען ערל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ומלתם את ערלת לבבכם. איהר זאלט אויף שניידן. עפענען די פר שטאפונג פון אייער הארץ ועיין רש"י פרשה וארא. דוד המלך האט איהם גירופען טמא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק לב טהור ברא לי אלהים. גאט בשאף אין מיר א ריינע הארץ. ווארום עס איז דא א הארץ וואס איז טמא פון דעם יצר הרע. שלמה המלך האט איהם גירופען שונא. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אויב דיין פיינט איז הונגעריג ואויב דיין יצר הרע איז הונגריג צו טאהן אעבירה) גיב איהם עסין ברויט (מאטער איהם מיט תורה לערנען). אויב ער איז דארשטיג (אויב דיין יצר הרע איז דארשטיג צו טאהן אעבירה) גיב איהם טרינקען וואסער (לערין תורה). ווארום דוא וועסט שארין קוילין אויף זיין קאפ. די זאך וועט בריהען דיין שונא גליך ווי דו וואלסט גלייגט הייסע קוילין אויף זיין קאפ: די תורה וועט אפ בריהען דעם יצר הרע אז ער וועט אנטלויפין פון דירו. וה' ישלם לך. אונ גאט וועט דיר בצאהלין. זאגט די גמרא זאלסט ניט לייענען ישלם. ער וועט דיר בצאהלין. נאר זאלכט לייענען ישלים. ער וועט גאנץ מאכין. גאט וועט מאכין אז דער פיינט (דער יצר הרע) זאל מיט דיר גאנץ ווערין. אונ זאל דיך שוין מער ניט אן ריידין צו אעבירה. ישעיהו האט איהם גירופען מכשול. אשטרויכלונג. ודער יצר הרע איז אשטרויכלונג פאר מענטשין. מענטשין פאלין איבער איהם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט וועט זאגין איהר זאלט אויס ברעטין אונ אויס ראמען א וועג. איהר זאלט אויף הייבין דעם שטרויכלונג פון די וועג וואס מיין פאלק גייט. דאס מיינט מען איהר זאלט אוועק נעמען דעם יצר הרע פון די יודין. יחזקאל האט איהם גירופען אבן. אשטיין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט זאגט איך וועל אפ טאהן דיא שטיינערנע הארץ פון אייער לייב. יואל האט איהם גירופען צפוני. דער פארבארגענער. ווייל דער יצר הרע איז פארבארגין אין די הארץ פון מענטשין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דעם פארבארגענעם וועל איך דער ווייטערין פון אייך:

תנו

ת הנו רבנן ואת הצפוני ארחיק מעליכם זה יצר הרע שצפון ועומד בלבו של אדם. (שכ) והדחתיו אל ארץ ציה ושממה למקום שאין בני אדם מצויין להתגרות בהן · את פניו אל הים הקדמוני שנתן עיניו במקדש ראשון והחריבו והרג תלמידי חכמים שבו. וסופו אל הים האחרון שנתן עיניו במקדש שני והחריבו והרג תלמידי חכמים שבו. ועלה באשו ותעל צחנתו שמניח האומות ומתגרה בהן בישראל. כי הגדיל לעשות אמר אביי ובת"ח יותר מכלן כי האי מעשה דאביי שמעיה להחוא גברא דקאמר להה"א איתתא נקדים וניזול בדורתא פלן אמר איזיל אפרשינהו מאיסורא אזל בתרייהו תלתא פרסי באגמא כי פטרי מהדדי שמעינהו דקאמרין אורחין רחיקא וצוותין בסימא (לא יכילנא אזלו כל חד לדוכתיה) אמר אביי אי מאן דסאני לי הוה לא הוי מצי לאוקמי אנפשיה אזל תלא נפשיה בעיבורא דדשא והוה קא מצטער תנא ליה ההוא סבא כל הגדול מחברו יצרו גדול ממנו:

פניו אל הים הקדמוני. מפני שנתן פניו אל הים הקדמוני זהו המקדש הא' שהוא היה שכיו שכל נקבצים בו כים שכל הנחלים הולכים אליו: ועלה באשו ותעל צחנתו. ומפני שעלה באשו וסרחונו שמניח האומות ונתגרה בישראל: נקדים וניזול בהורתא. נשכים בהשכמה קודם היום השכמה קרי קדמותא בגמ': כי הוו פרשו מהדדי. שהיו מב' עיירות וכשהגיעו לפרשת דרכים פירש זה לכאן וזו לכאן: ואורחין רחיקא. דרך רחוקה היא בין שני מקומותינו והלואי עוד נילך בדרך יחד: וצוותין בסימא. אלו היינו יכולין נילך בדרך אחד היה נעים לנו בלנו: אי מאן דסני לי. אי הוה שומעי מתיחד עם אשה: לא הוה מצי לאוקמי אנפשיה. מלהטות ועל עצמו היה אומר: תלא נפשיה. נשען על בריח הדלת כאדם שמתעצב ומצטער:

אמר

---

ת תנו רבנן. דיא רבנן האבין גילערנט עס שטייט אין פסוק דעם פארבארגענעם וועל איך דער ווייטערין פון אייך. דאס מיינט מען דעם יצר הרע. וואס ער איז פארבארגין אין די הארץ פון מענטשין. נאך שטייט אין פסוק איך וועל אידם פאר שטויסן צו אוויסטע לאנד. צו אזוי אארט וואס דארטין זענען ניטא קיין מענטשין ער זאל זיי אן ריידין צו עבירות. ווייל ער האט גיטאהן זיין פנים צום ערשטין ים. דאס מיינט מען דער יצר הרע האט גיטאהן זיינע אויגין צום ערשטין בית המקדש אונ האט איהם חרוב גימאכט. אונ ער האט גיהרגת דיא תלמידי חכמים. דער נאך האט ער גיקוקט צום לעצטען ים. ער האט גיגעבין זיינע אויגין אויף דעם אנדערין בית המקדש אונ האט איהם אויך חרוב גימאכט. אונ ער האט גיהרגת דיא תלמידי חכמים. עס איז אויף גיגאנגען זיין גישטאנק. ווייל ער האט גילאזין אלע פעלקער אונ ער האט זיך גירייצט נאר מיט יודין. ווארום ער האט גרויס גיטאהן. האט אביי גיזאגט דאס מיינט מען ער האט זיך גירייצט מיט דיא תלמידי חכמים נאך מעהר וויא מיט אלע אנדערע מענטשין. אזוי וויא עס האט אמאהל גיטראפען ביי אביי. אביי האט גיהערט איינער זאגט צו אאשה מארגין וועלין מיר אויף שטיין פאר טאג אונ מיר וועלין גיין צו יענעם ארט. האט אביי גיזאגט איך וועל גיין אינטער זייא אין דער שטיל זייא זאלין מיך ניט זעהן: טאמער וועלין זייא וועלין טאהן אעבירה וועל איך זיי ניט לאזין. איז אביי גיגאנגען אינטער זיי דריי מייל אויף דעם גראז. ביז זייא זענען גיקומען צו אארט וואס שיידין זיך צוויא וועגין. איין וועג גייט צו איין שטאט. למשל צו דרום זייט. אונ איין וועג גייט צו איין אנדער שטאט. למשל צו צפון זייט. אז דער מענטש מיט די אשה האבין זיך אפ גישיידט איינער פון אנדערין. האט אביי גיהערט ווי זייא זאגין. אונזער וועג איז וואיט. דוא דארפסט גיין אין צפון זייט. אונ איך דארף גיין אין דרום זייט. וויא זיס וואלט דאס גיוועזן אז מיר וואלטין גיקענט גיין ווייטער צו זאמען. אבער די גאנצע וועג וואס זייא זענען גיגאנגען צו זאמען איז זיי גאר גיט גיוועזן אין זינען צו טאהן אעבירה. האט אביי גיזאגט ווען מיך וואלט גיטראפין אזוי אזאך אז איך זאל גיין אליין מיט אאשה. ווער ווייס אויב איך וואלט מיך גיקענט אפ האלטין פון אעבירה. איז גיגאנגען אביי אונ האט זיך אנגילעגט אויף דעם ריגעל פון דיא טיר. אונ האט גיזארגט. האט איין אלטער מאן גיזאגט צו איהם מיר האבין גילערנט. דער וואס איז גרעסער פאר זיין חבר ווער איז איין גרעסערער למדן אונ פרימער איז זיין יצר הרע גרעסער ווי דער יצר הרע פון זיין חבר:

אמר

י **אמר** רבי יצחק יצרו של אדם מתחדש עליו בכל יום ויום שנאמר (בראשית ו) כי יצר מחשבות לבו רק רע כל היום . (ע"ב) ארשב"ל יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום ומבקש להמיתו שנאמר (תהלים לז) צופה רשע לצדיק ומבקש להמיתו ואלמלא הקב"ה עוזרו אינו יכול לו שנאמר (שם) ה' לא יעזבנו בידו וגו' . **תנא** דבי ר' ישמעאל בני אם פגע בך מנוול זה משכהו לבית המדרש אם אבן הוא נימוח דכתיב (איוב יד) אבנים שחקו מים ואין מים אלא תורה שנאמר (ישעיה נה) הוי כל צמא לכו למים . אם ברזל הוא מתפוצץ שנאמר (ירמיה כג) הלא כה דברי כאש נאם ה' וכפטיש יפוצץ סלע .

**רע כל היום** . כל היום רעתו מיתוספת : ה' לא יעזבנו בידו . בהדיא כתיב : מנוול זה . יצר **הרע** : לכו למים . נמשלה תורה למים וכתיב אבנים שחקו מים : דברי כאש . וכאש מפעפע את הברזל וסיינו מהפולן שהגלגלה מהוו' ממנו : **עבדו** . יצה"ר עבדו של אדם הוא שאם רצה הוא **מסיר** בידו בנאמר ואתה תמשל בו : באטב"ח . **א"ב** הוא ל"ט ב"ח ג"ז ד"ו הוא עשירות י"ן כ"ף **ל"ע** מ"ס הרי מאות ק"ץ ר"ף ש"ן ת"ם הרי אלפים **וכשחרו** כנ"ך שלא היה לה"א בן זוג בעשירות ולא **לנו"ן** בן זוג במאות ולא לכ"ף בן זוג באלפים לפי **סדר** האותיות הברם יחד נמלא דרך אל"ף בי"ת **זה** הסדרו מגון כמ"ך מן מ"ם במקום מ"ם כ"א מן **כ"ן** במקום נו"ן ד' מן ד"ו במקום וי"ו ועוד ה' **במקום** נו"ן : התעם . טעות בעלמא : בקרבם .

**אמר** רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן יצר הרע מסיתו לאדם בעולם הזה ומעיד בו לעולם הבא שנאמר (משלי כט) מפנק מנוער עבדו ואחריתו יהיה מנון שכן באטב"ח של רבי חייא קורין לסהדא מנון. רב הונא רמי כתיב (הושע ד) כי רוח זנונים התעם וכתיב (שם ה) כי רוח זנונים

---

י אמר . רבי יצחק האט געזאגט דער יצר הרע פון מענטש ווערט אלע טאג נייא אויף דעם מענטש . דער יצר הרע קומט אלע טאג צום מענטש אזוי וויא ער וואלט געוועזן נייא. אזוי וויא ער וואלט דעם מענטש גאר ניט געקענט . און ער באכט אויף איהם נייא אלע עבירות. גלייך וויא דער מענטש וואלט נאך גאר ניט פארזוכט דעם טעם פון די עבירות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק כי יצר מחשבות לבו רק רע כל היום . די גידאנקען וואס דער מענטש טראכט אין זיין הארץ . זענען נאר שלעכט אגאנצין טאג . זיי ווערן אלע טאג שלעכטער . רבי שמעון בן לקיש זאגט דער יצר הרע שטארקט זיך אלע טאג אויף דעם מענטש און ער וויל איהם הרגנן . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער רשע (דער יצר הרע) קוקט אויף דעם צדיק און ער וויל איהם הרגנן . און ווען גאט וואלט איהם ניט געהאלפין . וואלט ער ניט געקענט בייקומען דעם יצר הרע . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט פארלאזט ניט דעם מענטש אין די האנט פון יצר הרע . דבי רבי ישמעאל האבין געלערנט אויב דער יצר הרע בעגעגנט איין מענטשין און רעט איהם אן צו אעבירה : זאל ער איהם ציהען אין בית המדרש . אויב דער יצר הרע איז אזוי וויא אשטיין . וועט ער צו ריבען ווערין : אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שטיינער ווערין צו ריבען פון וואסער . און וואסער מיינט מען די תורה . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אלע דארשטיגע זאלין גיין צום וואסער . צו די תורה . און אויב דער יצר הרע איז אזוי וויא אייזין . וועט ער צו בראכין ווערין אויף פיל שטיקער . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט זאגט מיינע רייד זענען אזוי וויא פייער . און אז דער פייער ברענט אן דעם אייזין . פליהען פונקען פון דעם אייזין . און אזוי וויא דער האמער צו ברעכט דעם שטיין אויף פיל שטיקער . אזוי צו ברעכט דיא תורה דעם יצר הרע אויף פיל שטיקער וועין ריטבא״ . רבי שמואל בר נחמני זאגט פון רבי יונתן וועגין דער יצר הרע רעט אן דעם מענטש אויף דער מענטש אז ער האט געזינדיגט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק . מפנק מנוער עבדו . אז אין דער יוגענד גיט ער דעם קנעכט וואס ער וויל . דאס מיינט מען אין דער יוגענד פאלגט ער דעם יצר הרע . און ער טוהט וואס דער יצר הרע פערלאנגט פון איהם . ואחריתו יהיה מנון . דער נאך וועט דער קנעכט (דער יצר הרע) זיין אויף איהם אעדות . ווארום אויף דעם א״ב פון רבי חייא וואס איין אל״ף ווערט פאר טאהשט אויף אטי״ת . און אבי״ת ווערט פאר טאהשט אויף אחי״ת . קומט אויס אז די אותיות מנון ווערין פאר טאהשט אויף דיא אותיות סהדה . און סהדה איז טייטש אעדות . רב הונא האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט כי רוח זנונים התעם

זונים בקרבם בתחלה התעם ולבסוף בקרבם. אמר רבא יצר הרע בתחלה קראו הלך ולבסוף קראו אורח ולבסוף קראו איש שנאמר (שמואל ב יב) ויבא הלך לאיש העשיר ויחמול לקחת מצאנו ומבקרו לעשות לאורח וכתיב (שם) ויעשה לאיש הבא אליו. אמר ר' יוחנן אבר קטן יש באדם משביעו רעב מרעיבו שבע שנאמר (הושע יג) כמרעיתם וישבעו וגו':

**א אמר** רב חנא בר אחא אמרי בי רב ארבעה הקב"ה מתחרט עליהם על שבראם אלו הן כשדים ויצר הרע ישמעאל גלות (וראיות הפסוקים בסדר זה) כשדים דכתיב (ישעיה כג) הן ארץ כשדים זה העם לא היה וגו'. ויצר הרע דכתיב (מיכה ד) ואשר הרעותי. גלות דכתיב (ישעיה נב) ועתה מה לי פה נאם ה' וגו'. ישמעאל דכתיב (איוב יב) ישליו אוהלים לשודדים

התעם נטוע בלבם: הלך. עובר דרך עליו ואינו מתאכסן עמו דרך אכסניא: אורח. אכסנאי: איש. בעל הבית: ויבא הלך. בדוד וכה שבע קאי דקא"ל נביא לדוד על יצה"ר שבא עליו: אבר קטן. גיד הגויה: משביעו. כשממלא: רעב. גופו ומחסר כח לעת זקנה: שבע. כבת בלבם: גלות. שהגלה את ישראל: לא היה. אינו כדאי וכלואי אם לא היה: אוהלים לשודדים. אלו ערביים השוכנים באהלים במדברות ורועים מקנה כל ימיהם וכתיב סיפיה דקרא לאשר הביא וגו' כלומר הוא עצמו גרם לו שהגזהו שהכניסם בעונם:

---

התעם. אז דער ווילען פון זנות האט זייא פארפירט. ופאר פירט מיינט מען אויף איין מאהל אדער צוויי מאהל. דורך אטעות. אונ אין אנדערן פסוק שטייט כי רוח זנונים בקרבם. אז דער ווילען פון זנות איז אין זייא. איינגיפלאנצט. אויף אלע מאהל. נאר אין אנהייב איז דאס גיוועזן פארפירט. דער נאך איז שוין די עבירה געבליבען אויף אלע מאהל. רבא זאגט דער יצר הרע ווען ער קומט דאס ערשטע מאהל צום מענטש. ווערט ער גירופען הולך. אדורך גייער. אזוי ווי אפרעמדער וואס גייט פאר איינעם פארביי. אונ בעט בייא איהם עפעס. אונ גייט זיין וועג ווייטער. אזוי קומט דער יצר הרע אונ ווייזט איהם אעבירה צו טאהן אונ גייט באלד אוועק פון איהם. דאס אנדערע מאהל ווערט דער יצר הרע גירופען אגאסט. אזוי ווי אגאסט קומט צו איינעם אויף עטליכע טעג אונ פארט אוועק. אזוי פארווײלט שוין דער יצר הרע בייא דעם מענטש עטליכע טעג. אונ גייט אוועק פון איהם. דאס דריטע מאהל ווערט דער יצר הרע גירופען אבעל הבית. ער וואוהנט שוין ביי דעם מענטש אונ טרעט ניט אפ פון איהם. אונ ער פירט שוין דעם מענטש ווא הין ער וויל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס איז גיקומען אדורך גייער צו אדייכין מענטש. איז דעם רייכין מענטש אשאד גיוועזן צו נעמען פון זיינע שעפסין אונ פון זיינע רינדער צו מאכין אסעודה פאר דעם גאסט. האט ער אוועק גינומען אשעפסיל ביי איין ארעמאן אונ האט גימאכט אסעודה פאר דעם בעל הבית וואס איז גיקומען צו איהם. ודאס איז אמשל וואס נתן הנביא האט גיזאגט צו דוד המלך אויף דעם יצר הרעו. רבי יוחנן זאגט עס איז דא אקליינער גליד ביי דעם מענטש. אז מען מאכט איהם זאט. איז מען הונגעריג. אונ אז מען מאכט איהם הונגעריג איז מען זאט. ודאס מיינט מען אז אמענטש מאכט זיך זאט אין דער יוגענד מיט זיין ווייב. ער איז פיל משמש המטה. אויף דער עלטער איז ער הונגעריג. האט ער ניט קיין כח. אונ אז ער האלט זיך הונגעריג מיט זיין ווייב אין דער יוגענד. ער איז ווייניג משמש המטה. איז ער זאט מיט כח אויף דער עלטערו:

**יא** אמר. רב חנא בר אחא האט גזאגט אין בית המדרש האט מען גזאגט. אויף פיר זאכין האט גאט חרטה וואס ער האט זיי בשאפין. דאס זענען די פיר זאכין. כשדים. יצר הרע. ישמעאל. גלות. פון וואנען ווייסין מיר אז גאט האט חרטה וואס ער האט בשאפין דס פאלק כשדים. ווארום עס שטייט אין פסוק הן ארץ כשדים זה העם לא היה. די לאנד כשדים הלנאי וואלט דאס פאלק ניט גיוועזן. אונ פון וואנען ווייסין מיר אז גאט האט חרטה וואס ער האט בשאפין דעם יצר הרע. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט זאגט איך אליין האב אזוי גימאכט פאר שלעכטע ודורך דעם יצר הרע וואס איך האב בשאפין. פון וואנען ווייסען מיר אז גאט האט חרטה וואס ער האט פאר טריבען די יודין פון ארץ ישראל. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט זאגט וואס טוה איך דא (אין די פרעמדע לענדערן. פון וואנען ווייסען

מיר

לשודדים ובטוחות למרגיזי אל. א"ר (אחא בר חנינא)
[יוחנן] אלמא ג' מקראות הללו נתמוטטו רגליהן של
שונאי ישראל חד (מיכה ד) אוספה הצולעה והנדחה
אקבצה ואשר הרעותי וגו' ואידך (ירמיה יח) הנה כחומר
ביד היוצר כן אתם בידי בית ישראל ואידך (יחזקאל לו)
והסירותי את לב האבן מבשרכם רב פפא אמר אף מהאי
קרא ואת רוחי אתן בקרבכם וגו':

(זכריה ב) **יב ויראני** ה' ארבעה חרשים מאן נינהו ד'
חרשים א"ר חנא בר ביזנא
אמר ר"ש חסידא זה משיח בן דוד ומשיח בן יוסף ואליהו
וכהן צדק. מתקיף לה רב ששת אי הכי היינו דכתיב
(זכריה ב) אלה הקרנות אשר זרו את יהודה הני יתובי
מותבי ליהודה א"ל שפיל לסיפיה דקרא ויבאו אלה
להחריד אותם גו' א"ל אנא בהדי חנא באגדתא

**פירוש**

הה לי פה. לשון תרסה: ואשר הרעותי. אשר הבאתי יצר הרע בחטאתם וגרמתי להם כל זאת: ג' מקראות. שמעידים שהעונות והזכיות בידו:

חרשים. אומנים: משיחים. שניהם חרשים לבנין בית המקדש. אליהו הרס אבן שבנה מזבח בהר הכרמל ומליו שהוא עתיד להשלים: וכהן צדק. הוא שם בן נח ונקרא חרש ויתוקן חרש את אורך כג"ר מפרש לה במלכי צדק שבא לקראת אברהם וכהנו ומזונו וקרוי חרש ע"ש בנין הקיבה שבנה עם אביו: אלה הקרנות אשר זרו את יהודה וגו'. בתריה כתיב: שפיל לסיפיה דקרא. ואלה הקרנות: ויבאו אלה להחריד אותם. סוף הפסוק הוכיח שאין תחלתו מדבר בחרשים אלא באומות כששאל הנביא את המלאך מה אלה החרשים א"ל אלה הקרנות כלומר האומות הללו אשר זרו את יהודה ויבאו אלה החרשים להחריד אותן הקרנות לידות את קרנות הגוים: שפיל. השפיל עצמך נסתכל המקרא לסופו: אמר. רב ששת: בהדי

---

מיר אז גאט האט חרטה אויף ישמעאל. ווארום עס שטייט אין פסוק די ישמעאלים ליגען רוהיג אין זייערע געצעלטען צו רויבען ווער עס וועט דורך גיין. זיי ליגען פאר זיכערט צו דער צערינגען גאט. כאשר הביא אלוה בידו. אונ גאט אליין האט געבראכט דער צו מען זאל איהם דער צערינגען. ווארום צו וואס האט ער זיי בשאפען. רבי יוחנן זאגט ווען ניט די דריי פסוקים וואלטען אויס געבויגען געווארין די פיס פון די יודין. וואלטען די יודין ניט געקענט בשטיין. איין פסוק איז וואס גאט זאגט איך וועל איין זאמלען די לאמע (די צו בראכענע) אונ די פר שטויסענע וועל איך פאר זאמלען. (דאס מיינט מען די יודין וואס זענען צו בראכין אונ פאר שטויסין אין גלות. וועל איך זיי ארויס נעמען פון דעם גלות) ווארום איך אליין האב זייא גימאכט פאר שלעכטע (דורך דעם יצר הרע וואס איך האב בשאפען): נאך אפסוק איז גאט זאגט אזוי ווי די ליים וואס איז אין די האנט פון טעפער אונ ער מאכט פון די ליים וועלכע כלי ער וויל. אזוי זענט איר יודין אין מיין האנט צו מאכין מיט אייך וואס איך וויל. אז איך וויל זענט איר רשעים אונ אז איך וויל זענט איר צדיקים. נאך אפסוק איז גאט זאגט איך וועל אפ טאהן דיא שטיינערנע הארץ פון אייער לייב. רב פפא זאגט עס איז דא נאך אפסוק גאט זאגט מיין ווילען וועל איך געבין אין אייך. אונ איך וועל מאכין אז איר זאלט היטען מיינע מצות. (קען דאך אונז גאט מאכין פאר צדיקים. אונ אז גאט אליין הט גימאכט די יודין פאר רשעים. פאר וואס זאל ער זיי שטראפין):

יב ויראני. זכריה הנביא הט גזאגט, גאט הט מיר געוויזען פיר בעלי מלאכות. ווער זענען די פיר בעלי מלאכות. הט רב חנא בר ביזנא גזאגט רבי שמעון חסידא האט גזאגט דאס איז משיח בן דוד. אונ משיח בן יוסף. אונ אליהו הנביא. אונ כהן צדק. (משיח בן דוד אונ משיח בן יוסף זענען בעלי מלאכות, ווייל דורך זיי וועט גיבאהט ווערין דער בית המקדש. אליהו הנביא הט גימאכט אמזבח אויף דעם בארג כרמל. איז ער אויך אבעל מלאכה. אונ מלכי צדק דאס איז שם דער זוהן פון נח, איז אויך אבעל מלאכה. ווייל ער האט גיבאהט מיט זיין פאטער די תיבה). האט רב ששת גיפרעגט אויב אזוי פאר וואס שטייט אין פסוק דאס זענען די קרנות וואס האבען פר שפרייט די יודין פון ארץ ישראל. זיי האבען דאך בזעצט די יודין אין ארץ ישראל. האט רב חנא גזאגט צו רב ששת זעה דעם סוף פון פסוק. אין סוף פסוק שטייט די זענען גיקומען צו דער שרעקין די. די פיר בעלי מלאכות זענען גיקומען צוא דער שרעקין אונ צו פאר שניידין די גרויסקייט פון די פעלקער פאר וואס זיי האבין פרשפרייט די יודין פון ארץ ישראל. האט רב ששת גזאגט איך וויל ניט קריגען מיט רב חנא אין אגדתא.

למה לי :

(מיכה ה) **יג והיה** זה שלום אשור כי יבא בארצנו וכי ידרוך בארמנותינו והקימונו עליו שבעה רועים ושמונה נסיכי אדם כאן נינהו ז' רועים ד ד באמצע אדם שת ומתושלח מימינו אברהם ויעקב ומשה משמאלו ומאן נינהו ח' נסיכי אדם ישי ושאול ושמואל ועמוס צפניה חזקיהו ואליהו ומשיח (נ"א לדקיהו ומשיח ואליהו) :

(דף נג) **יד תנו** רבנן יש מהן אומרים אשרי ילדותנו שלא ביישה את זקנותנו אלו חסידים ואנשי מעשה ויש מהן אומרים אשרי זקנותנו שכפרה על ילדותנו אלו בעלי תשובה אלו ואלו אומרים אשרי מי שלא חטא ומי שחטא ישוב וימחול לו :

**טו תניא** אמרו עליו על הלל הזקן כשהיה שמח שמחת בית השואבה היה אומר אם אני כאן הכל כאן ואם אין אני כאן מי כאן למקום שאני אוהב רגלי מוליכות אותי (ואף הקב"ה אומר) אם אתה תבוא לביתי אבוא לביתך ואם אתה לא תבוא אל ביתי אני לא אבוא אל ביתך שנאמר (שמות כ) בכל המקום

פלא באגדת ? למה לי . מה לי אלו באגדה בקי הוא באגדה ממני ולא אוכל לו :

ז' רועים וח' נסיכים . לא ידעתי בהם טעם כ נדומה לי דאמריק בעצמא ויאמן היכן הלך שמלך להציל בניו מדינה של גיהנם דכתיב כי אתם אביכו כי אברהם לא ידענו וישראל לא יכירנו וגומר במסכת שבת : עמוס וצפניה . מן הנביאים היו אדם שת ומתושלח מן הצדיקים שקודם המבול שלא חטאו עד דור אנוש כדכתיב אז הוחל וגו' מתושלח צדיק גמור היה כדאמרינן בחלק ז' הימים שנתלו בדור המבול הם ימי אבלו של מתושלח :

יש מהם אומרים . היינו הוכבהתם דמתני' שמשבחין להקב"ה על כך : אלו חסידים . כל חסיד הוא מעיקרו : שלא ביישה וכו' . שלא עברנו עבירות בילדותנו לבייש את זקנותנו :

אם אני כאן הכל כאן וכו' . היה דורש לרבים שלא יחטאו ואומר בשמו של הקב"ה אם אני כאן הכל כאן כל זמן שאני חפץ בבית הזה ובשכינתי שרויה בו יהא כבודו קיים ויבואו הכל כאן ואם תחטאו ואסלק שכינתי מי יבא כאן : ס"א בתוספתא הוא היה אומר למקום שאני אוהב רגלי מוליכות אותי אם תבא אתה אל ביתי וכו' ונ"ל דהא כאן צריך לגרום כן משום דאמר רבי יוחנן בהרם רגלותי דבר אינש כו' ואי לא גרסינן לה מאי שייכא דרבי יוחנן הכא :



---

רב תנא וויים בעסער אגדתא וויא איך :

**יג** והיה, אין פסוק שטייט עס וועט זיין שלום ווען אשור וועט קומען אין אונזער לאנד אונ ער וועט טרעטין אין אונזערע פאלאצין . אונ מיר וועלין אויף שטעלין אויף איהם זיבען פאסטוכער אונ אכט פירשטליכע מענטשין . ווער זענען די זיבען פאסטוכער . דוד המלך אין מיטען . אדם שת מתושלח פון זיין רעכטע זייט . אברהם יעקב משה פון זיין לינקע זייט . אונ ווער זענען די אכט פירשטליכע מענטשין . ישי שאול שמואל עמוס צפניה חזקיהו אליהו משיח :

**יד** תנו רבנן . די רבנן האבען גיקערונט ווען מען האט זיך גיפרייט ביי שמחת בית השואבה . האבען אנדערע גזאגט וואוהל צוא אונזער יוגענד וואס זיא האט ניט פאר שעמט אונזער עלטער . מיר האבען ניט גיטאהן עבירות אין דער יוגענד מיר זאלין אונז דארפין שעמען אויף דער עלטער . אזוי האבען גזאגט די חסידים אונ נאך אנדערע פרומע מענטשין . אנדערע האבען גזאגט וואוהל צו אונזער עלטער אז זיא איז מכפר די עבירות וואס מיר האבען גיטאהן אין דער יוגענד אזוי האבען גזאגט די מענטשין וואס האבען גיטאהן תשובה . אלע צו זאמען האבען גזאגט וואוהל צו דעם מענטש וום הט ניט געזינדיגט . אונ דער וום האט גזינדיגט זאל טאהן תשובה וועט מען אים מוחל זיין :

**טו** תניא . מיר האבען גילערונט מען האט גזאגט אויף הלל הזקן ווען ער האט זיך גיפרייט ביי שמחת בית השואבה . פלעגט ער אזוי זאגען . גאט זאגט אזוי לאנג ווי איך בין דא אין בית המקדש . זענען אלע יודען אויך דא אין בית המקדש . אבער אז איר וועט זינדיגען אונ איך וועל ניט זיין דא אין בית המקדש . וועט קיינער ניט זיין אין בית המקדש . נאך הט הלל גזאגט צו דעם ארט וואס איך האב ליב . דארט פירען מיך מיינע פים . אונ גאט זאגט צו די יודען אויב דו וועסט קומען צו מיר אין שטוב . אין בית המקדש וועל איך קומען צו דיר אין שטוב . אונ אויב דוא וועסט ניט קומען צוא מיר אין שטוב . וועל איך ניט קומען צו דיר אין שטוב . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט זאגט

אשר אזכיר את שמי אבוא אליך וברכתיך :

**טז אף** הוא ראה גולגולת אחת שצפה על פני המים אמר לה על דאטפת אטפוך וסוף מטיפך יטופון . א"ר יוחנן רגלוהי דבר איניש אינון ערבין ביה לאתרא דמתבעי לתמן מובילין יתיה . הנהו תרי כושאי דהוו קיימי קמיה דשלמה (מלכים א ד) אליחורף ואחיה בני שישא סופרים דשלמה הוו יומא חד חזייה למלאך המות דהוה עציב א"ל אמאי עציבת א"ל דקא מיתבעי מינאי הני תרי כושאי דיתבי הכא מסרינהו לשעירים אמר להו אמטינהו למחוזא דלוז כי מטו אבבא שכיבו למחר חזייה למלאך המות דהוה קא בדח א"ל אמאי קא בדיחת א"ל היכא דאיבעו מינאי התם שדרתינהו פתח שלמה ואמר רגלוהי דבר איניש אינון ערבין ביה לאתרא דמתבעי לתמן מובילין יתיה (גם בירושלמי) :

**יז תניא** אמרו עליו על רשב"ג כשהיה שמח שמחת בית השואבה היה נוטל ח' אבוקות של אור בידו אחת וזורקן כלפי מעלה וזורק אחת ומקבל אחת ואין

חזהו על פני המים. שהמיתו אלו לאלו והפילוהו למים והכיר בו הוא שלא ופגע בו עכשיו ישטים כיוצא בו : א"ל על דאטפת אטפוך. על שאטפת גולגולת של אחרים במים : אטפוך. הציפוך אחרים עכשיו : וסוף מטיפך יטופון. עוד יבא יום ויציפו גולגלתו של אלו שהציפוך : ולאתרא דמתבעי . למקום שנגזר עליו למות משם הוא נתבקש ליטול נשמתו : המן מובילין יתיה . לשם רגליו מוליכות אותו : תרי כושאי . על שם שהיו שחורים קרי להו הכי : אליחורף ואחיה . פסוק הוא במלכים בניו סופרים נשמט : דקא מיתבעי מינאי. אלו מתבקשין ממני למעלה שהגיע זמן למות ואני היה יכול ליטול נשמתן כאן שלא נגזר עליהם עוס כי אם בשערי לוז : מסרינהו. שלמה : לשעירים . לשדים שהיה מלך עליהם כדכתיב ויבא שלמה על כסא ה' למלך במלך על העליונים ועל התחתונים :

לאמטינהו למחוזא דלוז . עיר שאין מלאך המות רשאי לעבור בתוכה כדאמרי' בסוטה :

ודכן הוא . לשם ומשמיניה עבותו להוליכו למקום שנתבקש משם :

---

אויב אין יעדער ארט וואס איך וועל דער מאנען מיין נאמען וועסטו אהין קומען . וועל איך קומען צו דיר אונ וועל דיך בענטשין :

**טז** אף . הלל האט אמאהל גיזעהן א קאפ שווימט אויף דעם וואסער . הט ער גזאגט צום קאפ ווייל דו האסט אמאהל דער טרונקען איין אנדערין . דריבער האט מען דיך דער טרונקען . דער סוף וועט זיין די וואס האבען דיך דער טרונקען וועט מען זייא דער טרינקען : רבי יוחנן הט גזאגט די פיס פון מענטשין האבען צו גזאגט אז אויף דעם ארט וואו מען וועט דארפין דעם מענטש ער זאל דארט שטארבין . זאלען זיי איהם אהין פירען . עס זענען אמאהל גיוועזן צוויי שיינע מענטשין וואס האבען בדינט שלמה המלך . אליחורף אונ אחיה . די זיהן פון שישא . זיי זענען גיוועזן די שרייבערס פון שלמה המלך . אמאהל האט שלמה גיזעהן דעם מלאך המות ער איז גיוועזן טרויעריג . האט שלמה גזאגט צום מלאך המות פאר וואס ביסטו טרויעריג . האט דער מלאך המות גזאגט צו שלמה פון הימעל פערלאנגט מען פון מיר איך זאל הרגנן די צוויי שיינע מענטשין וואס דא זיצען . אבער נישט דא זאל איך צו נעמען זייערע נשמות . נאר ביי דעם טויער פון די שטאט לוז . הט שלמה גירופען צוויי שדים אונ האט גזאגט צו זיי פירט אוועק די צוויי מענטשין אין די שטאט לוז . ווארום אין דיא שטאט לוז טאר ניט קומען דער מלאך המות . אונ דארט שטארבט מען ניט . וויא דיא שדים זענען גיקומען מיט די מענטשין צום טויער פון לוז . זענען זיי גישטארבען . אויף מארגין האט שלמה גיזעהן דעם מלאך המות ער הט גילאכט . האט שלמה גזאגט צו איהם וואס לאכסטו . הט דער מלאך המות גזאגט צו שלמה אויף דעם ארט וואס מען פאר לאנגט פון מיר זייא זאלען שטארבען . צו דעם ארט האסטו זיי געשיקט . הט שלמה גזאגט די פיס פון מענטשין האבען צו גזאגט אז אויף דעם ארט וואו מען וועט דארפין דעם מענטש ער זאל דארט שטארבען . זאלען זיי איהם אליין פירען :

**יז** תניא . מיר האבען גילערנט מען האט גיזאגט אויף רבן שמעון בן גמליאל אז ער פלעגט זיך פרייען שמחת בית השואבה . פלעגט ער נעמען אכט פלאמען פייער אי אין האנט אונ האט זיי גיווארפען אין די הייך . ער פלעגט איינם ווארפין אונ איינם האפין . אונ איינע

האט

ואין אחת כהן נוגעת בחברתה וכשהוא משתחוה נועץ ב' גודליו בארץ ושוחה ונושק את הרצפה וזוקף מה שאין כל בריה יכולה לעשות כן וזו היא קידה. לוי אחוי קידה קמיה דר' ואיטלע והא גרמא ליה והא אמר ר"א לעולם אל יטיח אדם דברים כלפי מעלה שהרי אדם גדול הטיח דברים כלפי מעלה ואיטלע ומנו לוי הא והא גרמא ליה. לוי הוי מטייל קמיה דרבי בתמני סכיני ושמואל קמיה דשבור מלכא בתמניא מזגי חמרא אביי קמיה דרבה בתמניא ביעי ואמרי לה בד' ביעי:

יח **תניא** אמר רבי יהושע בן חנניא כשהיינו שמחים שמחת בית השואבה לא היינו רואים שינה בעינינו כיצד שעה ראשונה לתמיד של שחר משם לתפלת השחר ומשם לקרבן מוספים ומשם לתפלת מוספים ומשם לבית המדרש ומשם לאכילה ושתיה משם לתפלת המנחה ומשם לתמיד של בין הערבים ומכאן ואילך לשמחת בית השואבה איני והא"ר יוחנן שבועה

בשני גודליו. של שתי ידיו ונסמך עליהן עד ששוחה ונושק את הרצפה לקיים מה שנאמר כי רצו עבדיך את אבניה: וזהו קידה. באמורה בכתובים דאמר מר קידה על אפים אין לו להשתטח ולהגיע לארץ גופו אלא פניו בלבד מי (יודע) [כיודע] לעשות כן ובימיו של רשב"ג לא היה אחד מעומדי העזרה יכול לעשות כן אלא הוא: איטלע. נעשה חגר לפי שהזיק גופו מאליו ולאו נסמך על ידיו בחזקה לדחוק גופו למעלה נמצא כל אונס זקיפתו על מתניו: יטיח. יזרוק לשון כמטחוי קשת: כטיח דברים. במסכת תעניות עליו שבח למרום ואין אתה מבניה על בניך: הא והא גרמא. היה נענש בהטחת דברים ונבדק בעשה שמחולע דקאמר במסכת שבת נפל הורא תדר ככיתא כ קמיה דרבי. בביתו שהיה נשיא ומכבדים אותו כמהו שהיה דולג תמיד בגרה ישראל ובחליו כדקאמרינן בנדרים יומא דמחיך ביה רבי אתיא פורענות לעלמא: שבור מלכא. מלך פרס היה: מזגי חמרא. כוסות זכוכית מלאים יין ואין היין נשפך:

רבי יהושע בן חנניא. מן הלוים המשוררים היה כדאמרינן בערכין וכבר הלך רבי יוחנן בן גודגדא לסייע את ר' יהושע בן חנניא בהגפת דלתות:

---

האט נים אנגערירט דיא אנדערע. אונ אז ער האט זיך גיבוקט פלעגט ער שטעלן ביידע גראבע פינגער פון די הענט אויף די פאדלאגע. אונ פלעגט איין בייגן דאס פנים צו דיא פאדלאגע. אונ האט גיקושט די פאדלאגע פון בית המקדש. (די פאדלאגע איז גיוועזן שטיינערן) אונ האט זיך צוריק אויף גישטעלט. אונ קיין מענטש האט נים גיקענט אזוי טאהן. (ניט אן לעהנען זיך אויף די הענט אונ זיך אויף שטעלן דאס איז גאנץ שווער). דאס הייסט קידה. (דער פנים זאל זיין אויף דיא ערד אונ דער גאנצער גוף ניט). לוי האט געוויזען קידה פאר רבי. איז ער לאם (הינקענדיג) געווארין דורך דעם אויף שטעלן. פרעגט די גמרא איז דען לוי לאם געווארין דורך דער קידה וואס ער האט געוויזען. רבי אלעזר האט דאך גיזאגט אז איין מענטש זאל ניט ריידין שטארקע רייד געגין גאט. ווארום אגרויסער מענטש חט גירעט שטארקע רייד געגין גאט איז ער לאם גיווארין. אונ דאס איז גיוועזן לוי. ווען האט אמאהל גיפעלט רעגין. האט לוי גיזאגט צו גאט דוא האסט זיך גיזעצט אין הימעל אונ דו קוקסט גאר נים אויף דיינע קינדער. ענטפערט די גמרא וואס לוי איז לאם גיווארין ווען ער האט געוויזען קידה פאר רבי. דאס איז גיוועזן דורך די עבירה. אבער ווען נים די עבירה וואלט ער נים לאם גיווארין. לוי האט גיטאנצט פאר רבי מיט אכט מעסערס. איינס גיווארפין אונ איינס גיכאפט. שמואל האט גיטאנצט פאר דעם מלך פון פרס מיט אכט פולע גלעזער וויין. אונ די וויין איז נים פר גאסין גיווארין. אביי האט גיטאנצט פאר רבה מיט אכט אייער. אנדערע זאגין מיט פיר אייער. איינס גיווארפין אונ איינס גיכאפט:

יח **תניא**. מיר האבין גילערנט רבי יהושע בן חנניא האט גיזאגט ווען מיר האבין אונז גיפרייט שמחת בית השואבה. האבין מיר די גאנצע זיבען טעג סוכות נים גיזעהן קיין שלאף פאר אונזערע אויגין. וויא אזוי. די ערשטע שעה פון טאג זענען מיר גיגאנגען צום תמיד פון דער פריא. פון דארט זענען מיר גיגאנגען דאווגען שחרית. פון דאווגען זענען מיר גיגאנגען צום קרבן מוסף. פון קרבן מוסף זענען מיר גיגאנגען דאווגען מוסף. פון מוסף דאווגען זענען מיר גיגאנגען אין בית המדרש לערנען. פון בית המדרש זענען מיר גיגאנגען עסין אונ טרינקען. פון עסין זענען מיר גיגאנגען דאווגען מנחה. פון מנחה זענען מיר גיגאנגען צום תמיד פון פארין נאכט. פון תמיד זענען מיר גיגאנגען צו שמחת בית השואבה אויף אגאנצע נאכט.

פרעגט

שבועה שלא אישן ג' ימים מלקין אותו וישן לאלתר [אלא ה"ק] כאי לא ראינו שינה בעינינו לא טעמנו טעם שינה קאמר דהוו מנמנמי אכתפי דהדדי :

(שם ע"א) **יתיב אמר** ליה רב חסדא לההוא מרבנן דהוה מסדר אגדתא קמיה מי שמיע לך הני ט"ו שיר המעלות כנגד מי אמרן דוד א"ל הכי אר"י בשעה שכרה דוד שיתין קפא תהומא ובעי למשטפיה לעלמא אמר דוד ט"ו מעלות ואחתיה אי הכי מעלות יורדות מיבעיא ליה א"ל הואיל ואדכרתן מלתא הכי אתמר בשעה שכרה דוד שיתין קפא תהומא ובעי למשטפיה לעלמא אמר דוד מי איכא דידע דשרי למיכתב שם (ע"ב) אחספא ומשדא ביה לאתותיה לדוכתיה או לא ליכא דא"ל מידי אמר דוד היודע לומר ואינו אומר יחנק בגרונו נשא אחיתופל קל וחומר בעצמו ומה לעשות שלום בין איש לאשתו אמרה תורה שמי שנכתב בקדושה ימחה על מים לעשות שלום בין כל העולם כלו (לאביהם שבשמים) עאכ"ו אמר ליה שרי כתב שם אחספא שדי ביה נחית תהומא שיתסר אלפי

מלקין אותו . שנשבע לשוא ומשעה שיצאה שבועה מפיו הרי הוא כנשבע על העמוד של אבן שהוא של זהב שאין זה נשבע על דבר שאפשר לו . ובשבועות הכן דהיינו שבועת שוא וחייבין על זדונה מכות וכגון שהתרו בו : בשעה שכרה דוד שיתין . ולא כגירסא ליה במסכת ימי גלהבית נכרתו ואי ס"ל בזה נהמנאו ספר אלו נדרות וצריך לכוהן : קפא תהומא . צף למים למעלה ויצא ויצף הברזל מתרגמינן וקפא פרזלא : א"ל . רב חסדא לדידיה : הואיל ואדכרתן בכי איתמר מי איכא דידע כו' . דוד לא היה מורה הלכה לפני אחיתופל רבו והוא היה שם : אחספא . מפני שהשם גולל ויורד ואינו צף כדי שירד ויצא על הנקב ובאגדה דספר (במוה) [בשוהם] מפורש שמצאו דוד על פני נקב התהום וכתוב בו שהיה בשם מפסת ימי בראשית : לעשות שלום בין איש לאשתו . לבדוק את הסוטה . ואם טהורה היא יטיל שלום ביניהם : שמי שנכתב בקדושה . שכתוב

---

פרעגט די גמרא ווי אזוי קען דאס זיין מען זאל זיבען טעג ניט שלאפען . רבי יוחנן האט דאך גזאגט אז איינער שווערט ער זאל ניט שלאפען דריי טעג שלאגט מען איהם מלקות . ווארום ער האט שוין געשוואוירן פאלש . וויל א מענטש קען ניט זיין דריי טעג אן שלאף . אונ ער מעג באלד שלאפען . ענטפערט דיא גמרא אזוי מיינט מען מיר האבען ניט פאר זוכט דעם געשמאק פון שלאף . איינער האט זיך אן געלעהנט אויף דעם אקסיל פון זיין חבר אונ הט געדרימלט :

**יתיב** אמר . רב חסדא הט גזאגט צו איינעם פון די רבנן וואס ער האט געלערנט פאר איהם אגדה הוית . טאמער האסטו געהערט די פופצעהן שיר המעלות וואס דוד המלך הט גזאגט . וועגן וועמען האט ער זיי גזאגט . הט דער למדן גזאגט צו רב חסדא אזוי האט גזאגט רבי יוחנן ווען דוד הט געגראבען די גרוב וואס אונטער דעם מזבח . האט ער געגראבען טיף ביז צום אבגרונד . האבען זיך אויף געהויבען די וואסער פון אבגרונד אונ האבען געוואלט פר פלייצען די וועלט . האט דוד גזאגט פופצעהן שיר המעלות איז די וואסער אראפ געניטערט געווארין . פרעגט רב חסדא אויב אזוי איז געוועזן פאר וואס רופט מען דאס מעלות (ארויף גאנגן) . דארף מען דאך דאס רופען יורדות (אראפ נידערונגן) . האט דער למדן גזאגט צו רב חסדא וויל דו האסט מיך דער מאנט די זאך געדענק איך שוין ווי מען הט געלערנט . ווען דוד האט געגראבען די גרוב וואס אונטער דעם מזבח . האט ער געגראבען טיף ביז צום אבגרונד . האבען זיך אויף געהויבען דיא וואסער פון אבגרונד אונ האבען געוואלט פאר פלייצען די וועלט . האט דוד גזאגט טאמער איז איצט דא א מענטש וואס ער וייס צוא זאגען דעם דין אויב מען מעג אויף שרייבען דעם שם הוי"ה אויף א שארבען אונ אריין ווארפען איהם אין די וואסער ער זאל אראפ נידערין פאר מאכען די לאך פון אבגרונד צו פאר האלטען די וואסער . אדער מען טאר ניט אזוי טאהן . איז ניט געוועזן ווער עס זאל זאגען דעם דין . האט דוד גזאגט ווער עס וייס צו זאגען אונ זאגט ניט זאל דער שטיקט ווערין אין האלז . האט אחיתופל געלערנט א קל וחומר . מאדאך צו מאכען שלום צווישען מאן אונ ווייב הט די תורה גזאגט מיין נאמען וואס ער איז געשריבען געווארין מיט הייליגקייט זאל ער אפ גימעקט ווערין מיט דעם וואסער פון וועגין דיא סוטה . צו מאכען שלום אויף די גאנצע וועלט . די וועלט זאל ניט פר פלייצט ווערין . איז דאך געוויס אז מען מעג אפ מעקען דעם נאמען פון גאט ווארום אז מען וועט אריין ווארפען דעם שארבען

אין

גרמידי כיון דהוא דנחית טובא אמר כמה דמידלי טפי מיטב עלמא אמר ט"ו מעלות ואסקיה חמיסר אלפי גרמידי ואוקמיה באלפי גרמידי אמר (אביי) [עולא] ש"מ סוכבא דארעא אלפא גרמידי והא קחזינן דאי כרו אורתא וקא נבעי מיא אמר רב משרשיא הנהו מסולמי דפרת הוו :

(דף נא ע"ב) **ב משנה** עמדו ב' הכהנים בשער העליון היורד מעזרת ישראל לעזרת נשים ושתי הצוצרות בידם קרא הגבר תקעו והריעו ותקעו הגיעו למעלה עשירית תקעו והריעו ותקעו הגיעו לעזרה תקעו והריעו ותקעו היו תוקעים והולכים עד שמגיעין לשער היוצא למזרח הגיעו לשער היוצא למזרח הפכו פניהם ממזרח למערב ואמרו אבותינו שהיו במקום הזה אחוריהם אל היכל ה' ופניהם קדמה והמה משתחוים קדמה לשמש ואנו ליה עינינו רבי יהודה אומר היו

פונים : כל האומר שמע שמע . משתקין אותו כאומר מודים מודים משום

במגלה יקן ה' הוהך ללה ולשבועה וגו' כדכתיב וכתב את האלות האלה הכהן וגו' : כמה דמדלי טפי מטיב עלמא . כמה שהתהום גבוה ומגיע לארץ מתלחלח העולם והארץ מלמטה פירותיה : אמר ט"ו . מזמורים כל שיר המעלות : סומכא דארעא . שיעור הארץ עד התהום : מכולמי . מעינות העליונים במקומות שבהם מי פרת עולין תחת הקרקע לפי שפרת מולאו גבוה מאד כדקאמר בבכורות כל הנהרות למטה מפרת ומים היוצאין ממנו גבוה אם דרך מתוק להם עולים על כל כיולא בו ולא יותר לפיכך אף החופרים בחריב שבבבל הסמוכה לפרת מולאים מים :

תקעו וכו' . זה כימן ליכך למלאות מים לניסוך מן השילוח : הגיעו לעזרה . לקרקע עזרת נשים תקעו כו' . היו תוקעין והולכין . באלו ג' התקיעות מאריכין עד שמגיעין לשער היולא מעזרת נשים לסר הבית (כי לא מן המזרח) לבפולי למזרח והשער ההוא מכוון כנגד שער שמעזרת ישראל לעזרת נשים ויורדין ממערב למזרח וכשהיו נכנסין למקדש היו הולכין ממזרח למערב דרך עליה : הפכו פניהם למערב . אלו העזרות והסיכל לומר דבר זה להוציא בנים מלבן היו כופרין ולא היו פניהם לבית אלא אחוריהם להיכל וגו' פסוק הוא ביחזקאל : שוכן הותה . כופלין אותה כדמפרשינן אנו ליה וליה דמתני כל' רבותי : ליה אנו משתחוים וכו' .

לההדרי

---

אין וואסער ווען דאך דער נאמען פון גאט אפ גימעקט ווערין . האט אחיתופל גזאגט צו דוד מען מעג . זאגט דוד געשריבען דעם שם הוי"ה אויף אשארבען און האט אריין גיווארפען אין וואסער . האבען די וואסער אראפ געגידערט זעכצעהן טויזנד איילין : ווי דוד האט גיזעהן אז די וואסער הט צו פיל אראפ גענידערט . האט דוד גזאגט וואס מער דיא וואסער איז אויף גיהויבין אין די וועלט פייכטער . וואכסט בעסער די פירות אונ די תבואה . האט דוד גזאגט די פופצעהן שיר המעלות אונ ער האט אויף גיבראכט די וואסער פופצעהן טויזנד איילין . אין די וואסער געבליבען שטיין טיף אין דיא ערד טויזנד איילין . האט עולא גזאגט פון דאנען ווייסען מיר אז דיא גרעב פון דיא ערד ביז צום וואסער איז טויזנד איילין . פרעגט דיא גמרא מיר זעהן דאך אז מען גראבט נאר אביסעל איז דא וואסער . האט רב משרשיא גזאגט דיא וואסער ווערט גיצויגען פון טייך פרת דורך דיא גריבער וואס אין דער ערד :

**ב** משנה . עמדו . צוויי כהנים זענען גישטאנען ביי דעם אובערשטין טויער וואס מען גייט אראפ פון עזרת ישראל צום עזרת נשים . אונ זיי האבען גיהאלטען צוויי טרומייטען אין די הענט : ווי דער האן האט גיקרייעט נאך האלבע נאכט . האבען די כהנים גיבלאזין אתקיעה אונ אתרועה אונ אתקיעה ודאס איז גיווען אסימן מען זאל אנהייבין גיין שעפין וואסער פון קוואל שלוח צום גיסען אויף דעם מזבח . אז דיא כהנים זענען גיקומען צום צעהנטין טרעפ . האבען זיי אויך גיבלאזין אתקיעה אונ אתרועה אונ אתקיעה . אז זיי זענען גיקומען צום עזרת נשים . האבען זיי אויך גיבלאזין אתקיעה אונ אתרועה אונ אתקיעה . זיי זענען גיגאנגען אונ גיבלאזין ביז זיי זענען גיקומען צום טויער וואס מען גייט ארויס צו מזרח זייט . וויא זייא זענען גיקומען צום טויער וואס מען גייט ארויס צו מזרח זייט . האבען זיי אומגיקערט זייער פנים פון מזרח צו מערב זייט . אונ זיי האבען גזאגט אבותינו שהיו במקום הזה אחוריהם אל היכל יי ופניהם קדמה . אונזערע עלטערין וואס זענען גיוועזן אויף דעם ארט זענען גישטאנען מיט זייער אינטען צום היכל פון גאט אונ מיט זייער פנים צו מזרח זייט . אונ זיי האבען זיך גיבוקט צו מזרח זייט צוא דיא זון . אונ מיר . צוא גאט זעהען אונזערע אויגין . רבי יהודה זאגט זייא

האבען

היו שונין אותה לזכר אנו ליה וליה עינינו:

(דף נג ע"ב) **גמ'** איני והאמר רבי זירא כל האומר שמע שמע כאומר מודים מודים דמי דאמרי הכי אנו ליה משתחוים וליה עינינו מיחלות. ת"ר משמע שנאמר (יחזקאל ח) ופניהם קדמה איני יודע שאחוריהם אל היכל ה' אלא מלמד שהיו מפריעין את עצמן ומתריזין כלפי מטה:

(דף נה) **כא תניא** בחולו של מועד בראשון מהו אומר (תהלים כט) הבו לה' בני אלים. בשני מהו אומר (שם נ) ולרשע אמר אלהים. בשלישי מהו אומר (שם צד) מי יקום לי עם מרעים. ברביעי מהו אומר (שם) בינו בוערים בעם. בחמישי מהו אומר (שם פא) הסירותי מסבל שכמו וגו'. בששי מהו אומר

**פירוש**

ולהרתי פילי קא מדכר ליה תרי זימני ולא אהדא מלתא לית לן בה: מפריעין. מגלין: ומתריזין. רעי:

בחולו של מועד. דסוכות: מהו אומר. בשיר המוספים: בראשון ביום אחד דחה"מ: הבו לה' וגו'. וכל המזמור ע"ש שביום תחלת שמחת בית השואבה דהיינו כבוד ועוז ובאותו מזמור כתיב קול ה' על המים ע"ש ניסוך המים: ולרשע אמר וגו'. וכל המזמור דברי כבושים הם נאמרים לעוברי למצות החג ושמחים שמחת החג ומוכיחם מה לך לספר חקי כלומר למה לך לבא לבית זה עם שאר עמי אם אינך חוזר בתשובה ובאותו מזמור כתיב זבח לאלהים תודה וגו' ע"ש החג סוכות זמן בו תאסר כוח לג' רגלים כסדרן וסוף המזמור זובח תודה יכבדנני וגו': מי יקום לי עם מרעים ובינו בוערים. במזמור אחד הם ובינו בוערים מוקדם ומי יקום לי מאוחר והם מקדימין את המאוחר ונראה בעיני מפני שפרשת מי יקום לי עם מרעים מדברת על צרתם שהיו משועבדים בבית שני תחת מלכי פרס ומלכי יון ומלכי רומי ואעפ"כ היו נמנעים מלבטל שמחת חגם ומתפללין מי יקום לנו להצילנו מהמרעים האלה תה לולי ה' עזרתה לי כמעט וגו' וגם כרוב שרעפי בקרבי וגו' כלומר אף לפי צרותינו אין אנו נמנעים מלבא להשתעשע בתנחומך כו' עד סוף המזמור ונמחתו בינו בוערים בעם מפני שבשביו זמן מתנות עניים שהוא זמן אסיף זמן לקט שכחה ופאה ומעשר עני ובהמגיעין ימים האחרונים שהם קרובים לפרוס ולבוא לבתיהם קורים לעניים להוכיחם שיעברו כראוי ולפ"ש בהמעברות בגיעה ולא יאמרו מי רואנו ומי יודענו לכך אמר בינו בוערים בעם האומרים בלבם מי יגיד מעשינו הנוטע אוזן הלא ישמע אם יוצר עין הלא יביט היוסר גוים הלא יוכיח עד מי יקום לי: הסירותי מסבל שכמו. דברי תנחומים הם לפי שהוא נלאה והולך לשוך נסתר רעם אבחנך על מי מריבה וגו' על המים נדונין עליהם בחג לפי מה שלא כותב הספיק לך ע"ש שמתפללין על הגשמים וצריכין להם וכתיב במזמור זה אנכי ה' אלהיך המעלך וגו' שלשלת להם ברכה וסוף המזמור ויאכילהו מחלב חטה ומצור דבש אשביעך: ימוטו כל מוסדי ארץ. במזמור אלהים נצב בעדת אל ואומר כל המזמור ע"ש שכתוב בו עני ורש הצדיקו שאלו הן מעברות שבכך הוא נדרש בבהמות חולין צדק מבלך וכן לו בפ' הזרוע לא ידעו ולא יבינו ומי שאינו נותן לנו להבין לכך נתבבה יתהלכו א מיהה כדהן בד' פרקים הדבר מתרגם וכו' בגולאי כרגא שבכל שנה

מפני

---

האבן גזאגט צוויי מאהל. אנו ליה וליה עינינו. מיר זענען צוא גאט. אונ צו גאט איז אונזערע אויגן:

גמרא. איני: פרעגט די גמרא עס איז דאך ניט אזוי. ווארום רבי זירא האט גזאגט דער וואס זאגט שמע שמע. (ער זאגט צוויי מאהל דעם פסוק שמע ישראל) איז גלייך ווי ער וואלט זאגן מודים מודים. היסט מען איהם שווייגן. ווארום עס זעהט אויס ווי ער לויבט צו צוויי געטער. דא אז ער זאגט אנו ליה וליה עינינו זאגט ער דאך אויך צוויי מאהל ליה. זעהט דאך אויך אויס ווי ער לויבט צו צוויי געטער. ענטפערט די גמרא אזוי זאגט מען אנו ליה משתחוים. מיר בוקן אונז צו גאט. וליה עינינו מיחלות. אונ צו גאט אפין אונזערע אויגען. די רבנן האבען גילערנט אז עס שטייט אין פסוק זייער פנים איז גיוועזן צו מזרח זייט ווייס איך דען ניט אז זייער אינטען איז גיוועזן צום היכל פון גאט. צו וואס שטייט אין פסוק ואחוריהם אל היכל ה'. זייער אינטען איז גיוועזן צום היכל פון גאט. נאר דער פסוק דער ציילט אונז אז זיי האבין זיך אויף גידעקט אונ פון זיי איז ארויס גיגאנגען צואה. געגין היכל:

**כא** תניא. מיר האבין גילערנט חול המועד סוכות דעם ערשטן טאג חול המועד הט מען גיזונגען אין בית המקדש דעם קפיטל הבו לה' בני אלים. דעם אנדערין טאג חול המועד הט מען גיזונגען אין בית המקדש דעם קפיטל ולרשע אמר אלהים. דעם דריטן טאג חול המועד הט מען גיזונגען דעם קפיטל מי יקום לי עם מרעים. דעם פערטין טאג חול המועד הט מען גיזונגען דעם קפיטל בינו בוערים בעם. דעם פינפטין טאג חול המועד האט מען גיזונגען דעם קפיטל הסירותי מסבל שכמו. דעם זעקסטין טאג חול המועד הט מען גיזונגען דעם קפיטל ימוטו כל מוסדי ארץ. אונ אויב אין איינע פון די טעג איז גיוועזן שבת. (המשל דער דריטער טאג חול המועד איז גיוועזן שבת) הט מען דאך גזאגט דעם שיר פון שבת. מזמור שיר

ליום

אומר (שם פב) ימוטו כל מוסדי ארץ. ואם חל שבת להיות באחד מהם ימוטו נדחה:

(ע"ב) **כב אמר** רבי אלעזר הני שבעים פרים כנגד מי כנגד שבעים אומות. פר יחיד' למה כנגד אומה יחידה. משל למלך בשר ודם שאמר לעבדיו עשו לי סעודה גדולה ליום אחרון אמר לאוהבו עשה לי סעודה קטנה כדי שאהנה ממך. אמר רבי יוחנן אוי להם לאומות שאבדו ואין יודעין מה שאבדו בזמן שבית המקדש קיים מזבח מכפר עליהם ועכשיו מי מכפר עליהם:

(דף נו ע"ב) **כג תנו** רבנן מעשה במרים בת בילגה שהמירה דתה והלכה ונשאת לסרדיוט אחד ממלכי יונים כשנכנסו יונים להיכל היתה מבעטת בסנדלה ע"ג המזבח ואמרה לוקוס לוקוס עד מתי אתה מכלה ממונן של ישראל ואי אתה עומד עליהם בשעת הדחק וכששמעו חכמים בדבר קבעו את טבעתה וסתמו את חלונה ויש אומרים משמרתו שוהה לבא

אפילו גזל מתנות עניים וגורם קללה ורעבון לעולם שימוטו בו כל מוסדי ארץ: ואם חל שבת באחד מהם. ידחה שיר המועד מלפני שיר השבת: ימוטו נדחה. שהוא שיר אחרון ונדחה מפני שאמרו בא' בשבת שיר שהיה ראוי לאמר אתמול שאין מדלגים סדר השיר ובב' אומר שיר של אחד בשבת נמצא אחרון נדחה:

שבעים פרים. פרי החג שבעים הם חוץ משל שמיני: כנגד שבעים אומות. לכפר עליהם: שאהנה ממך. אין לי הנייה וקורת רוח בכל אלו אלא בשלך:

מרים בת בילגה. ממשמר בילגה היתה וכן שמה: כשנכנסו יונים להיכל. בימי מתתיהו בן יוחנן: לוקוס. הוא זאב בלשון יוני: וכששמעו חכמים בדבר. לאחר שגברה יד בית חשמונאי: סתמו חלונה. של משמרתה ולקמן פריך משום דידה קנסינן לכולה משמרה: משמרתו. של בילגה שוהה

---

ליום השבת. האט מען דעם פערטען טאג גזאגט מי יקום לי. דעם פינפטען טאג בינו בוערים. דעם זעקסטען טאג הסירותי מסבל שכמו. אונ ימוטו כל מוסדי ארץ האט מען גאר ניט גזאגט:

**כב** אמר. רבי אלעזר האט גזאגט די זיבעציג אקסין וואס מען האט מקריב געוועזן סוכות פאר וועמען האט מען זיי מקריב געוועזן. פאר די זיבעציג פעלקער צו מכפר זיין אויף זיי. דעם איין אקס וואס מען האט מקריב געוועזן שמיני עצרת פאר וועמען האט מען איהם מקריב געוועזן. פאר די יודין. למשל אמלך האט גזאגט צו זיין קנעכט פון די אלע סעודות וואס מע האט געמאכט פאר מיר האב איך קיין הנאה ניט געהאט מאך דו פאר מיר אקליינע סעודה איך זאל הנאה האבן פון דיר. אזוי האט גאט גזאגט פון די אלע קרבנות וואס מען האט פאר מיר מקריב געוועזן דעם גאנצן סוכות. האב איך קיין הנאה ניט געהאט. ווייל זייא זענען ניט געוועזן פאר דיא יודינס וועגין. זאלין די יודין מקריב זיין פאר מיר איין קרבן פון זייערטוועגין. פון דעם קרבן וועל איך הנאה האבין. רבי יוחנן האט גזאגט וויי צו די פעלקער זיי האבין פר לארין אונ זיי ווייסין ניט וואס זיי האבן פר לארין. ווען דער בית המקדש איז געוועזן האט דער מזבח אויף זייא מכפר געוועזן. היינט אז דער בית המקדש איז ניטא ווער וועט אויף זיי מכפר זיין:

**כג** תנו רבנן. די רבנן האבין געלערנט ודי כהנים זענען געוועזן צוא טיילט אויף פיר אונ צוואנציג טייל (פיר אונ צוואנציג משמרות). יעדער טייל (משמר) האט געהאט זיין אויס געזעצטע וואך וואס ער זאל מקריב זיין די קרבנות פון די וואך אונ יעדער טייל האט געהאט אעלצטין. דער עלצטער פון איין משמר האט געהייסין בילגה. אונ מרים די טאכטער פון בילגה האט זיך געשמדט. אונ זי האט חתונה געהאט מיט אעלצטין פון דעם מלך יון. ווען דיא יונים זענען אריין געקומען אין בית המקדש האט מרים געטרעטין מיט איר שוך אויף דעם מזבח אונ זי האט גזאגט צום מזבח דו ביסט אוואלף דו עסט אויף אזוי פיל בהמות ביז ווי לאנג נאך וועסטו פאר לענדין די געלט פון די יודין אונ דו העלפסט זיי ניט ווען זיי איז שלעכט. ווי דיא חכמים האבין דס געהערט האבין זיי פר מאכט דעם רינג פון דעם משמר אונ זיי האבין פאר מאכט דעם פענסטער פון דעם משמר נעבין מזבח אויף דער ערד איז געוועזן פיר אונ צוואנציג רינגען. יעדער משמר האט געהאט זיין רינג. אז מען האט געבראכט אקרבן צום שעכטין האט מען אריין געשטעקט דעם קאפ פון דיא בהמה אונטער דעם רינג. האט זיך דיא בהמה שוין ניט געקענט גארפין. איז געוועזן גרינג איר צו שעכטין. אונ דעם רינג פון בילגה האט מען פאר מאכט. האבין

לבא ונכנס ישבב אחיו עמו ושמש תחתיו ואע"ג ששכני הרשעים לא נשתכרו שכני בילגה נשתכרו שבילגה לעולם חולקת בדרום וישבב אחיו בצפון. בשלמא למ"ד משמרתו שוהה לבא היינו דקנסינן לה לכולה משמרה אלא למ"ד מרים בת בילגה שהמירה דתה איהי חטאה ואנן קנסינן לכולה משמרה אמר אביי אין כדאמרי אינשי שותא דינוקא בשוקא או דאבוה או דאמיה ומשום אבוה ואימיה קנסינן לכולה משמרה אמר אביי אוי לרשע ואוי לשכנו טוב לצדיק טוב לשכנו שנאמר (ישעיה ג) אמרו צדיק כי טוב כי פרי מעלליהם יאכלו:

# סליק מסכת סוכה

**פירוש**

**לבא.** כשמגיע זמנו שלא בא היו כולם ועוסקין במלאכה שאין העבודה הגונה עליהן: **ונכנס ישבב אחיו.** סדר משמרות בילגה לבא אחרי ישבב וכשיצא ישבב אחיו יוצא ביום כניסתה וכשבאה משמרת בילגה לבא עבר ישבב במשמרתו ולא יצא ולכך קנסום: **ואע"פ** שכל שכני הרשעים לא נשתכרו. (דכתיב) **אוי לרשע ואוי לשכנו:** **שכני בילגה נשתכרו.** היינו ישבב: **שבילגה לעולם חולקת בדרום.** אפילו בכניסתה: **וישבב לעולם בצפון.** אף ביציאתו ושבת כולה נכנס נחולקין בצפון: **משום ברתיה קנסינן ליה לדידיה.** כלומר ואפילו לאביה לא היה למקנסיה: **שותא דינוקא בשוקא או דאבוה או דאימא.** משל הדיוט מה שהתינוק אומר בשוק או מאביו או מאמו שמע אף זו אם לא שמעה מאביה מבזה העבודה לא אמרה כן. שותא דבור כמו לא תפיקו לכו שותא ובקידושין שותא דמר לא ידענא: **אוי לרשע ואוי לשכנו.** בתורת כהנים תניא והלא אם זכאים נגע כהכן שבקלוע שביון חולין אע"פ שהנגע לא נראה אלא בביתו של זה מתמה שביתם אינם לרב בכליו חברו לקה בשבילו מכאן אמרו אוי לרשע אוי לשכנו ונמצא טוב לצדיק טוב לשכנו שהרי מדה טובה מרובה:

---

ווי גימוזט בינדען די בהמה צום שעכטין. אונ דאס איז שוין גיוועזן שווער. אונ יעדער משמר הט גיהאט אפענסטער וואס ער האט דארט גיהאלטין זיינע חלפים צום שעכטין. האבין זייא ניט גידארפט טראגין די חלפים ביי זיך. אונ דעם פענסטער פון בילגה הט מען פר מאכט. האבין זיי גימוזט טראגין די חלפים ביי זיך. אנדערע זאגין ניט דורך דיא טאכטער האט מען פאר מאכט זיין רינג אונ זיין פענסטער. נאר דער משמר פון בילגה פלעגט שפעט קומען אין בית המקדש ווארום שבת נאך האלבין טאג האבין זיך גיטאהשט די משמרות. אונ דער משמר פון בילגה איז גיקומען זונטאג אדער מאנטאג. הט דאך דער פריערדיגער משמר גימוזט בלייבען ווייטער אין בית המקדש. דער עלצטער פון דעם פריערדיגען משמר האט גיהייסן ישבב דער ברודער פון בילגה. זאגט די גמרא פלעגט אריין גיין ישבב מיט זיין משמר אונ האבין מקריב גיוועזן די קרבנות פאר דעם משמר פון בילגה. דריבער האבין די רבנן גיקנסה זיין משמר אונ האבין פר מאכט זיין רינג אונ זיין פענסטער. אפילו די שכנים פון רשעים פאר דינען ניט. אבער די שכנים פון בילגה האבין יא פאר דינט. ווארום דער משמר פון בילגה איז אייביג גישטאנען אין דרום זייט פון טיש ווען ער הט גינומען זיין חלק פון לחם הפנים. אונ דער משמר פון זיין ברודער ישבב איז גשטאנען אין צפון זייט. צפון זייט איז גיוועזן היליגער ווי דרום זייט. זאגט די גמרא דער ווס זאגט אז דער משמר פון בילגה פלעגט שפעט קומען. איז רעכט ווס מען הט גיקנסה דעם גאנצין משמר. אבער דער ווס זאגט אז מרים די טאכטער פון בילגה הט זיך גישמדט ווייל זיא האט גיזינדיגט דריבער זאל מען קנסנן דעם גאנצין משמר. הט אביי גיזאגט דס איז אזוי ווי מענטשין זאגין וואס אקינד רעט אין גאס האט ער גיהערט פון זיין פאטער אדער פון זיין מוטער. ווען מרים וואלט ניט גיהערט אזעלכע רייד פון איר פאטער אדער פון איר מוטער וואלט זיא אזוי ניט גירעט. נאר געוויס הט זי גיהערט דעם פאטער אדער די מוטער האבין אזוי גירעט. הט זי אויך אזוי גיזאגט. פרעגט די גמרא ווייל דער פאטער אדער דיא מוטער האבען גיזינדיגט דריבער זאל מען קנסנן דעם גאנצען משמר. הט אביי גיזאגט אז עס איז שלעכט דעם רשע איז דעם שכן זיינעם אויך שלעכט. אז עס איז גוט דעם צדיק איז דעם שכן זיינעם אויך גוט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק זאגט דעם צדיק ער איז גוט ווארום די פרוכט פון זיינע גוטע מעשים וועלען אנדערע מענטשין אויך עסין: